Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען

פולע סאבעלעז פון דער מלוכה-לאטעריע 8/9 זייט

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 73	לאדז, זונטאג, כ״ח אדר תרצ״ג	עלפטער יאהרגאנג	Łódź, Niedziela 26 marca 1933 r.	№ 73

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

פעראייניגט אין צער און צארן

פראטעסטירען מיר געגען די בארבארישע מעשים פון די היטלעריסטען

אויפרוף פון פראטעסט-קאמיטעט צו דער יודישער בעפעלקערונג

מארגען גרויסער פראטעסט-טאג

וואר שא, 25 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דא האט זיך געשאפען א פעראייניגטער קאמיטעט אנצופיהרען מיט דער פראטעסט-אקציע געגען די יודען-פערפאלגונגען אין דייטשלאנד, צו דעם קאמיטעט געהערען אלע ציוניסטישע ריכטונגען. דער קאמיטעט האט זיך אויך געווענדעט צו אלע אנדערע ריכטונגען, אז די זאלען צושטעהן צו דער אקציע. אין ווארשא וועט קיין גאסען-דעמאנסטראציע נישט פארקומען, ווייל די מאכט האט אזא אקציע נישט ערלויבט. ס׳וועלען פארקומען גרויסע פראטעסט-מיטינגען אין פערשידענע לאקאלען, וואס שייך דער פראווינץ איז עס אפהענגיג צי די לאקאלע מאכט וועט ערלויבען גאסען-דעמאנסטראציעס, אדער בלויז מיטינגען.

וואר שא, 25 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער פעראייניגטער יודיש-נאציאנאלער פראטעסט-קאמיטעט האט פערעפענטליכט פאלגענדען אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען.

ברודער יודען! שווערע כמארעס רוקען זיך אן אויפ׳ן יודישען פאלק. מיר לעבען איצט איבער איינע פון אונזער שווערסטע תקופות אין אונזער מארטירער-געשיכטע אין דייטשלאנד. אין הארץ פון אייראפע געפינט זיך ביי דער מאכט א לאגער, וואס פרעדיגט האס, שנאה און אויסראטונג פון יודישען פאלק. זיי ווילען פערטיליגען דאס גאנצע יודענטום, וואס האט אין די צייטען, ווען די יודען האבען גענאסען פון גלייכבערעכטיגונג, בעפרוכט די דייטשע קולטור און וויסענשאפט. עס הערשט אין דייטשלאנד א רעזשים, וואס האט אין דער ערשטער רייה אויסגענוצט זיין ממשלה צום קאמף מיט׳ן יודישען פאלק.

ברידער יודען! די אכזריות׳ן און בארבארישע מעשים פון די היטלעריסטען זעצען אנשטעקענד אויך פאר אנדערע לענדער. די מעשים פון דייטשלאנד האבען אויפגעטרייסעלט דאס וועלט-געוויסען. ס׳פראטעסטירען נישט נאר יודען, נאר אויך די בעסטע גייסטער פון דער נישט-יודישער וועלט. דער קאמף פון היטלעריזם איז נישט נוגע בלויז דאס דייטשע יודענטום. דאס איז א קאמף געגען גאנצען יודישען פאלק, וואס מען וויל אומברענגען און פערטיליגען.

ברידער יודען! דאס גאנצע פוילישע יודענטום פעראייניגט אין צער און צארן, פראטעסטירט אויפ׳ן שארפסטען אופן געגען די בארבארישע מעשים פון די היטלעריסטען געגען אונזערע ברידער.

דעם 27-טען ד. ח. זאלען מיר זיך פעראייניגען מיט׳ן פראטעסט פון גאנצען יודענטום. ארדענט איין אין אלע שטעט און שטעטלעך פראטעסט-דעמאנסטראציעס, אויב ס׳איז נישט מעגליך, איז פראטעסט-מיטינגען. זאל מען בעת דער דעמאנסטראציע, אדער מיטינג שליסען אלע יודישע געשעפטען, אלע יודישע בעלי-מלאכות און ארבייטער זאלען וואַרפען די ארבייט.

דער אויפרוף גיט איבער דעם טעקסט פון דער פראטעסט-רעזאלוציע.

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נאכטען שבת קודש געשטארבען אין עלטער פון 77 יאהר מיין ליבער גאט, אונזער טייערער און אומפערגעסליכער פאטער, שווינערפאטער, גראסאפאטער, אורגראספאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

ני״ע שמעון בן ר׳ אהרן ז״ל רושעצקי

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 26-טען מערץ 1933, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז בזשעזשינער 13, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע היגטערבליבענע.

1600

די האנדווערקער-באנק
BANK SPOŁDZIELCZY
1 פאלודניאווא 1 — טעל. 126-07

ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס.

נעמט אן וועקסלען אויף אינקאסא אויף אלע שטעט און שטעטלעך אין גאנץ פוילען גיט ארויס אוואנסען אויף אינקאסא. צאהלט אויס אויף לאדז דעמזעלבען טאג די איינגעפלאסענע אינקאסא.

די נייע פערוואלטונג:
לאוויניק אלעקסאנדער יאעל
ראטמאן מארעק פיין
י. קליינמאן

פרעזידיום פון ראט:
זיינוועל מאשענבערג
מיכאל ריזשיק
מאריץ הופפער

בעמערקונג: כדי צו האבען די מעגליכקייט אויסצוצאהלען די איינגעפלאסענע אינקאסא דעמזעלבען טאג, איז די באנק אפען פון 9 פריה ביז 4 נאכמ.

פרייז פון אינקאסא איז בעדייטענד פערקלענערט.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ליבען חבר אברהם לובינסקי צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען

פאטער נ.ע.

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

משה מרגליות, ירחמיאל טענצער
שלמה פליישהאקער און משה פ״ש

1604

מצה-מעהל

שיין, העל טרוקען
צו די ביליגסטע פרייזען
צו בעקומען ווי אלע יאר בא דער פירמע
בריטשטיין
און ראזענפעלד
קאשטשעלנע 3, טעל. 119-33

נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען אין בליהענדען עלטער פון 29 י. מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, טאכטער שוועסטער שוועגערין און טאנטע

נ״ע חנה רחל בת ר׳ העניך נ״י

מילכמאן

געבוירן געצליק (געוואוינט דרעוונאווסקא 13)

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, דעם 26-טן מערץ 1933, 11 א זייגער פארמ. פון טהרה-הויז אויפן בית-החיים, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

קמח של פסח

אונטער דער שטרענגער השגחה פון
הרב ר׳ אליעזר ליפשיץ
מזדונסקא וואלא
פון דער בעוואוסטער מיהל
AUTOMATYCZNY
MŁYN PSZENNY
ZDUŃSKA WOLA
פערקויפס-שטעלען אין לאדז:
ח. אלשער, זשעראמסקעגא 25
טעלעפאן 136-53

לעזט
דעם
נייעם
פאלקסבלאט!

סוחרים-פעראיין פון רויה-מאטעריאלען און פון האלב-טעקסטיל-פאבריקאטען אין לאדז

פיעטריקאווער 45, טעל. 170-88

היינט, זונטאג, דעם 26 מערץ 1933, פינקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין איגענעם לאקאל

א אויסער-געוועהנליכע פערזאמלונג

געווידמעט די

רדיפות געגען יודען אין דייטשלאנד

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג:

1) פראטעסטירען געגען דער אינקוויזיציע אויף די יודען אין דייטשלאנד.
2) אלס פראטעסט נישט קויפען זעמטליכע רויה-מאטעריאלען און סחורות פון דייטשלאנד.
3) אנולירען די שוין-בעשטעלטע סחורות פון דייטשלאנד.
4) פרייע פארשלאגען.

די פערוואלטונג.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך און צאהלרייך צו ערשיינען. 1690

קמח חטים כשר לפסח

תחת השגחת הראבינאט דפה

אונטער דער אויפזיכט פון היגען ראבינאט איז אונזער מיהל גע׳כשר׳ט און אזוי ווי ס׳פאריגע יאהר, וועלען מיר דאס שענסטע מעהל צושטעלען פאר אונזערע ג׳ קונדען, דערפאר נישט צו פערגלייכען מיט דער פראווינץ, וואס אויסער שלעכטעס מעהל און נישט שיהנעס, קענען זיי ביי דער ליפערונג נישט נאכקומען אזוי ווי מיר, וואס ערפילען יעדענס פערלאנג.

מיט אכטונג

„ELEKTROMŁYN"
Łódź, Zakątna 47, tel. 147-40.

בעמ.: בעשטעלונגען ווערען אנגענומען פערזענליך אדער טעלעפאניש 147-40.

בית הכנסת „אהל-יעקב"
לאדז, גדנסקה 18.

מחר, יום ב׳ ערב ר״ח ניסן (27/3) הוכרז ע״י הרבנות הראשית בארץ-ישראל ליום צום ותפלה בכל תפוצות-ישראל לרגלי הלחץ והדחק שנתונים אחינו ברוסיה, הרדיפות, העינויים והיסורים, שנמצאים בהם אחינו תחת ממשלתו של היטלר בגרמניה.

בקשר עם זה הננו עורכים תפלת-מנחה ויום-כפור קטן (ע״י ש״ץ ביהכ״נ ה׳ דוד מאפעל)

נאום מעניני דיומא ישא חברנו מר משה ל[illegible].

חברי ביהכ״נ, הציונים והלאומיים מתבקשים לבוא.

התחלת התפלה בשעה 5 אחה״צ בדיוק.

1599

הועד.

פּראָטעסט־אַקציע אין אַמעריקאַ

געגען אַנטיסעמיטישען טעראָר אין דײטשלאַנד

אַקציע פון אַמעריקאַנער רעגירונג. — אימיגראַציע פון יודישע פּליטים פון דײטשלאַנד זאָל פערלײכטערט װערען. — גאַנצע אַמעריק. פּרעסע פערוּרטײלט דעם טעראָר — ריזען־דעמאָנסטראַציע פון יוד. קריג־בעטײליגטע — באָיקאָט־אַקציע פערברײטערט זיך

נ י ו ־ י אָ ר ק, 25 (יט״א) אָפיציעל װערט מיטגעטײלט, אַז צוליב דער טיפער אױפרעגונג, װאָס עס האָבען אַרױסגערופען אין אַמעריקאַ די בעריכטען װעגען די מיסהאַנדלונגען פון יודען אין דײטשלאַנד, האָט די רעגירונג פון די פעראײניגטע שטאַטען בעאױפטראַגט די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין בערלין פערצושטעלען, אין צוזאַמענאַרבײט מיט די אַמעריקאַנער קאָנסולען אין דײטשלאַנד, אַן אױספירלעכען בעריכט װעגען דעם װירקליכען מצב.

די דאָזיגע אַקציע איז אונטערגענומען געװאָרען אין רעזולטאַט פון דער אינטערװיוּ פון ראַבײ ד״ר סטעפען װײז, דעם עהרען־פּרעזידענט פון יודיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס, און בערנאַרד דויטש, דעם פּרעזידענט פון קאָנגרעס, בײ דער רעגירונג אין װאַשינגטאָן.

ד״ר װײז און בערנאַרד דויטש האָבען זיך אױך פאָרגעשטעלט פאַר דער אימיגראַציע־קאָמיסיע פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס און בעגרינדעט דעם פּאָסטולאַט פון נישט־אָנװענדען די שטרענגע אימיגראַציע־בעגרענצונגען, װאָס זענען אײנגעפירט געװאָרען אין 1930, לגבי יודען, װאָס אַנטלױפען צוליב די היטלעריסטישע רדיפות פון דײטשלאַנד.

דער פאָרזיצער פון דער אימיגראַציע־קאָמיסיע אין רעפּרעזענטאַנטען־הויז פון די פעראײניגטע שטאַטען סאַמועל דיקשטײן האָט אַנגעזאָגט אַן ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציע אין קאָנגרעס, לױט װעלכער דער שטאַטס־סעקרעטאַר װערט בעאױפטראַגט צו אינסטרואירען די אַמעריקאַנער קאָנסולען אין אױסלאַנד נישט אָנצוּװענדען די אימיגראַציע־בעגרענצונגען פון 1930.

די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע בריינגט די ידיעות װעגען רדיפות אױף יודען אין דײטשלאַנד אונטער דיקע קעפּ אױף די ערשטע צײטונגס־זײטען, פערוּרטײלענדיג אײנשטימיג: דעם אַנטיסעמיטישען טעראָר פון היטלער־רעזשים.

דאָנערשטאָג איז אין נױ־יאָרק פאָרגעקומען אַ ריזען־דעמאָנסטראַציע פון 20 טױזענד יודישע קאָמבאַטאַנטען פון דער אַמעריקאַנער אַרמײ אַלס פּראָטעסט געגען די רדיפות אױף יודען אין דײטשלאַנד.

די לאָזונג צו באָיקאָטירען דײטשע סחורות געפינט אַלץ מעהר אָנהענגער צװישען אַמעריקאַנער יודענטום. טעגליך שטעהען צו צו דער באָיקאָט־אַקציע צעהנליגע נײע יודישע פירמען.

פון אַלע געריכטס־אַמטען אַלע „פּרעמדראַסיגע" ריכטער, באַמטע און בעאַמטע און נישט דער לאָזען יודישע אַדװאָקאַטען און יודישע פערטרעטער, װאָס זענען נישט פון דײטשען שטאַם. די רעזאָלוציע ענטהאַלט אַ ברײטע בעגרינדונג, אין װעלכער עס װערען אָנגעגריפען די „דורערגדע פּראַװאָקאַציעס" פון יודישע אַדװאָקאַטען.

ב ר ע ס ל ױ, 25 (יט״א) צוליב דעם, װאָס די יודישע ריכטער זענען בעזײטיגט געװאָרען פון די שלעזישע געריכטען, פיהלט זיך אַ מאַנגעל אין ריכטער און זײערע פונקציעס זענען אין מעהרערע פאַלען אָנגעטרױט געװאָרען געריכטס־רעפערענדאַרען.

פ ר אַ נ ק פ ו ר ט, 25 (יט״א) עס זענען אָנגענומען געװאָרען שריט צו בעזײטיגען די יודישע ריכטער פון די שטראָף־געריכטען אין פראַנקפורט.

„יודען - רײניגונגס-אַקציע" פון דער בערלינער קאָמיסאַרישער מוניציפּאַליטעט

ב ע ר ל י ן, 25 (יט״א) דער רעגירונגס־קאָמיסאַר פאַר דער שטאָט־בערלין האָט אָנגעזאָגט שריט צו קינדיגען די בעשטעלונגען, װאָס די מוניציפּאַליטעט האָט געמאַכט אין דער יודישער דרוקערײ־פירמע לעװענטהאַל. װעלכע פלעגט בײז איצט אױספיהרען אַלע דרוק־אַרבײטען פון דער שטאָט בערלין, און איבערגעבען זײ צו דײטשע פירמעס.

פון די שטאַטישע אַמטען װערען בעזײטיגט די יודישע בעאַמטע, די שטאַטישע קינדער־הײמען, בראש פון װעלכע עס זענען געשטאַנען יודישע דירעקטאָרען, זענען דערװײל געשלאָסען געװאָרען. עס איז אױך פאָרלױפיג געשלאָסען געװאָרען די מוזיק־שול, װאָס האָט זיך געפונען אונטער יודישער לײטונג.

װײטערדיגע רדיפות פון פּױלישע יודען

ל ײ פּ צ י ג, 25 (ספּ. טעל.) אין פּױלישען קאַנ־סולאַט אין לײפּציג קומען אָן פסדר מאַסען מעלדונגען װעגען דעם טעראָר, װאָס װערט אָנגעװענדעט געגען פּױלישע יודען. אין לײפּציג האָבען צװײ היטלעראָװצעס שפּעט אין אָװענד אַרױסגעשלעפּט פון זײן הויז, דעם 60־יאָהריגען פּױלישען בירגער דײלע. זײ האָבען איהם אָפּגעפיהרט אין דער היטלערישער הױפּט־קװאַרטיר, װעלכע געפינט זיך אין דעם פריהערדיגען סאָציאַליסטישען „פּאָלקס־הויז" זײ האָבען אױך שטאַרק צומוטש'ט זײלעס מינדעריעהריגע טאָכטער, װאָס האָט געפרובט בעשיצען איהר פאָטער.

אין רײכענבאַך איז מיט 10 טעג צוריק אױף אַ געהײמנישפולען אופן פערשװאונדען דער פּױלישער בירגער קלאַפיש. בין איצט װײסט מען נישט, װאו ער געפינט זיך. אין דעסאַו און דערענבורג האָבען די היטלעראָװצעס, בײ אַ זיטעמיטישע אױסשרײען, מיט געװאַלט בעזײטיגט פון די מאַרק 50 יודישע הענדלער, צװישען זײ געפינען זיך אַ סך פּױלישע בירגער. אין אַלע פאַלען האָט דער פּױלישער קאָנסול אונטערגענומען אַן אינטערװענץ.

באָיקאָט־אַקציע

ל אָ נ ד אָ ן, 25 (ספּ. טעל.) װי עס זענען מודיע דער „דײלי העראַלד" און „דײלי טעלעגראַף" גרײטען צו די יודישע קיבוצים אױף דער גאַנצער װעלט אַ פּלאַן צו באָיקאָטירען דײטשע סחורות. אַ סך יודישע האַנדעלס־הײזער אין לאָנדאָן האָבען שוין אָנגעהויבען די באָיקאָט־אַקציע.

ל אָ נ ד אָ ן, 25 (ספּ. טעל.) דער באָיקאָט פון דײטשע סחורות אין ענגלאַנד פערשפּרײט זיך כסדר. אײנע פון די גרעסטע װאַרעהױזער „מאַרקס און שפּענסער" האָט אַנולירט אַ בעשטעלונג אין דײטשלאַנד אױף אַ סומע פון 55 טױזענד פונט.

װ אַ ר ש אַ, 25 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די באָיקאָט־אַקציע פון יודישע סוחרים אין פּױלען געגען דײטשע סחורות נעהמט אָן ערנסטע פאָרמען. די סוחרים־אָרגאַניזאַציעס פיהרען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, אײנע פון די גרױסטע פאַבריקען אין װאַרשאַ, װאָס האָט בעשטעלט מאַשינען אין זאַקסען האָט די בעשטעלונג אָפּגערופען.

שנעל און גוט!

שנעל און גוט װירקען די טאָגאַל טאַבלעטקעס בײ רעװמאַטיזם, פּאָדאַגרע, שמערצען און רײסען אין די געלענקען, נעװראַלגיע און פערקיהלונגען. שױן זײט איבער 15 יאָהר באַנוצט מען מיט דעם בעסטען ערפאָלג בײ דידאָזיגע לײדען טאָגאַל־טאַבלעטקעס. איבער 6000 דאָקטױרים, דאַרונטער אַסך בערימטע פּראָפעסאָרען בעשטעטיגען די גוטע װירקונג פון טאָגאַל־טאַבלעטקעס. פּרוּװט און איבערצײגט אײך נאָך הײנט אַלײן. מען מוז אָבער גוט אױפּפּאַסען אױף די אָריגינאַלע נישט באַשעדיגטע פערפּאַקונג. צו באַקומען אין אַלע אַפּטײקען. רעג.־נומ. 1364.

Togal

יודישער קאָנגרעס אין אַמעריקאַ

פאָדערט, אַז די פּױלישע יודען זאָלען מאַרגען אײנאָרדנען

פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס געגען היטלער־דײטשלאַנד

װ אַ ר ש אַ, 25 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דעפּ. ראָזמאַרין האָט בעקומען אַ דעפּעשע פון יודיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט, אַז די פּױלישע יודען זאָלען זיך דעם 27. ה. ח. פעראײניגען מיט דער פּראָטעסט־אַקציע פון אַמעריקאַנער יודען געגען דעם היטלעריסטישען באַרבאַריזם. מאָרגען דאַרפען אײנגעאָרדנעט װערען דעמאָנסטראַציעס און אױף דער צײט דאַרפען די יודישע געװעלבער זײן געשלאָסען.

אונטער דער דעפּעשע איז אונטערגעשריבען ראַבינער ד״ר װײז און ד״ר קאָהען.

ע ס ע ן, 25 (ספּ. טעל.) די אַנטי־יודישע אַרױסטרעטונגען הערען נישט אױף. אין דאָרטמונד איז געקומען צו אַ בעשלעג, אײן יודען האָט מען שטאַרק צושלאָגען, אונטערגעצינדען די באָרד און אױסגעריסען די האָר פון קאָפּ.

נאָך דער אינטערװענץ פון קאָנסול זענען אין עסען בעפרײט געװאָרען 4 יודען, װאָס זענען אַרעסטירט געװאָרען אין דיסעלדאָרף.

נישטאָ קײן כשר־פלײש אין דײטשלאַנד

ב ע ר ל י ן, 25 (ספּ. טעל.) דער יודישער צענטראַל־פעראײן טײלט מיט, אַז אין גאַנץ דײטשלאַנד איז נישט פאַראַן קײן כשר־פלײש, הגם קײן אָפיציעלער שחיטה־פערבאָט איז נישט פאַראַן.

די ריזיגע פּראָטעסט־אַקציע אין אַמעריקאַ

נ י ו ־ י אָ ר ק, 25 (יט״א טעלעגראַפיש).

די פּאָרבערײטונגען צו דער ריזיגער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, װאָס דאַרף פאָרקומען דעם 27. ה. ח. זענען אין פולען גאַנג. מ׳רעכענט, אַז אין דער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע װעלען זיך בעטײליגען איבער 100 טױזענד מענשען, אַ חוץ דעם גרױסען מיטינג אין מעדיסאָן־סקװער װעט פאָרקומען אַ גרױסער מיטינג אונטער פרײען הימעל, אַ חוץ נױ־יאָרק װעלען נאָך פאָרקומען 300 פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס אין אַנדערע שטעט פון אַמעריקאַ און קאַנאַדע.

נ י ו ־ י אָ ר ק, 25 (יט״א טעלעגראַפיש).

דער פּראָטעסט־קאָמיטעט האָט בעקומען אַ מיטטײלונג פון די עװאַנגעלישע און קאַטאָלישע גײסטליכע, אַז זײ שליסען זיך אָן אין דער פּראָטעסט־אַקציע. זונטאָג װעלען אַלע גלחים פּרעדיגען געגען היטלעריזם. די אַרבײטער־פעדעראַציע, װעלכע פעראײניגט 3 מיליאָן מיטגלידער האָט זיך אױך אָנגעשלאָסען אין דער אַקציע.

בעכטען איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־צוג פון די אָנטײלנעהמען אין מלחמה. ס׳זענען געװען 10 טױזענד דעמאָנסטראַנטען. די פּראָטעסט־רעזאָלוציע איז איבערגעגעבען געװאָרען דעם נױ־יאָרקער בירגערמײסטער.

די דעלעגאַציע איז אױך געװען בײם ענגלישען אַמבאַסאַדאָר און געבעטען אַנולירען קײן ארץ־ישראל די פּליטים פון דײטשלאַנד.

יודישע אַדװאָקאַטען װערען צושלאָגען

ב ע ר ל י ן, 25 (ספּ. טעל.) אין גלײװיצער געריכט האָבען זיך אַרײנגעריסען עטליכע יונגע דײטשען, װעלכע האָבען בעװאָפענט מיט שטײנער אַ רײה יודישע אַדװאָקאַטען און זײ גוט צושלאָגען.

דער פאָרזיצער פון געריכט האָט אַרױסגערופען פּאָליציי, װעלכע האָט אָבער שױן קײנעם נישט געפונען.

נישט ערלױבט קיעפּוראַס קאָנצערט

ב ע ר ל י ן, 25 (ספּ. טעל.) דער בערימטער פּױלישער טענאָר יאַן קיעפּוראַ האָט געזאָלט אױפטרעטען מיט 2 קאָנצערטען אין לײפּציג און דרעזדען. אױפ׳ן סמך פון נײעם דעקרעט זענען די קאָנצערטען פון קיעפּוראַן פערװעהרט געװאָרען.

מיניסטער געהרינג האָט װידער גערעדט װעגען יודען...

ב ע ר ל י ן, 25 (ספּ. טעל.) מיניסטער געהרינג האָט בעכטען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט די פאָרשטעהער פון די אױסלענדישע צײטונגען, צװ. אַנד. האָט ער געזאָגט:

די רעדוקציע פון יודישע בעאַמטע איז געקומען אין שײכות דערמיט, װאָס די יודישע בעאַמטע האָבען געהערט צו די סאָצ.־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ. רעדענדיג װעגען דעם אָפּשטעלען פון דער סאָצ.־דעמ. פּרעסע, האָט ער ערקלערט, אַז דער בעשלוס װעט דױערען אַזױ לאַנג, בין די סאָצ.־דעמ. װעלען פיהרען די קאַמפּאַניע געגען דײטשלאַנד. נישט בלױז די מאַרקסיסטען, נאָר אױך די יודען טראָגען די פעראַנטװאָרטליכקײט פאַר די אַבזורדיגע קאַמפּאַניע געגען דײטשלאַנד. די אױסלענדישע יודען טוען נישט קײן טובה, װען זײ װאַרפען שמוץ אױף דײטשלאַנד.

מען הײסט יודען פערלאָזען דײטשלאַנד

און מען לאָזט זײ נישט אַרױסנעמען זײער געלד פון בענק

ל אָ נ ד אָ ן, 25 (יט״א) „דײלי טעלעגראַף" טײלט מיט, אַז אַלע יודען אין דער רהײן־פּפאַלץ, װאָס האָבען זיך בעזעצט אין דײטשלאַנד זײט 1914, האָבען אַ פאָראָרדנונג צו פערלאָזען דײטשלאַנד. דאָסהאַט גופיהרט דערצו, אַז די בעטראָפענע האָבען אָנגעהויבען בעלאַגערען די באַנק־הײזער, װעלענדיג אַרױסציהען פון דאָרט זײערע אָפּשפּאָרונגען. די נאַציס האָבען דאַן געלעגט אַרעסטען אױף די יודישע קאָנטאָס אין די באַנקען אונטערן אױסריד, אַז יודען סאַבאָטירען פּלומרשט די באַנקען. די יודען האָבען מורא, אַז זײערע געלדער װעלען קאָנפיסקירט װערען, הגם פון דער אַנדערער זײט — שרײבט דער „דײלי טעלעגראַף" — איז שװער זיך פאָרצושטעלען, װי אַזױ קענען די יודען פערלאָזען זײערע װאױנערטער, אױב מען לאָזט זײ נישט אַרױסנעהמען זײערע געלדער פון די באַנקען.

קרײז־צוג געגען יודישע יוריסטען

ב ע ר ל י ן, 25 (יט״א) אױף אַ פערזאַמלונג פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע יוריסטען אין בערלין איז אָנגענומען געװאָרען אַ רעזאָלוציע, װאָס איז איבערגעגעבען געװאָרען דעם קאַמער־געריכטס־פּרעזידענט און אין װעלכער עס װערען אַרױסגערוקט אַ רײה פאָדערונגען װעגען בעזײטיגען תיכף

מאַקדאָנאַלדס װיזיט אין רױם

האָט געבראַכט צו ערנסטע פּאָליטישע שמועסען

װ אַ ר ש אַ, 25 (ספּ. טעל.)

דער אױסערן־מיניסטער בעק האָט אױפגענומען דעם פראַנצױזישען אַמבאַסאַדאָר לאַראָש, טשעכאָסלאָװאַקישען ד״ר גירסאַ, דעם יוגאָסלאַװישען געזאַנדטען לאַזאַרעװיטש און דעם רומענישען קאַדערע.

פּ אַ ר י ז, 25 (ספּ. טעל.)

פרײטאָג האָט דער פראַנצױזישער אױסערן־מיניסטער באַנקור אױפגענומען אױף אַ לענגערער קאָנפערענץ דעם פּױלישען אַמבאַסאַדאָר כלאַפּאָװסקי, די בײדע קאָנפערענצען שטעהען אין צוזאַמענהאַנג מיט אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמע װאָס האָבען זיך געשאַפען מיט מאַקדאָנאַלדס װיזיט אין רױם.

לאָדזער יודישער קאַמעראַל־טעאַטער „אַראַראַט"

קינסטלערישע לײטונג: משה בראָדערזאָן

װײסער זאַל פון „מאַנטײפעל" זאַכאָדניאַ 43

אין נײ־רעמאָנטירטען טעאַטער.

לעצטע טעג! ☛ הײנט, זונטאָג, 2 פּאָרשט. 7.45 און 10 אָװענד

גע־טראָפען אין פּינטעל...

15 סאַמע פּערל! 1־טער טײל: 1) דירה־געלט שײנע מרים, דזשיגאַן, גאָלדשטײן. 2) כ׳האָב געמײנט כ׳שטאַרב ... 3) פּאַציפיסטען, דזשיגאַן, בערגמאַ. 4) דאָס אַלטע פּאָרפאָלק. 5) ... לאַבוזל. מאַלװינאַ ראַפּעל. 6) נישט־װיטישע לידיאַנקע, בירנבױם. 7) ראַוי לחופּה ... 2־טער טײל: 8) עקספּרעס־צוג. אַנסאַמבל. 9) סאָלדאַטקע, שײנע מרים. 10) פּסול טריף - דאָס רביצע ליזע שלאָסבערג, בירנבױם. 11) דאָס יודישע הײטעל מאַלװינאַ ראַפּעל. 12) בײגאַכט שײנע מרים, בירנבױם. 13) כל־בו־בױם. 14) כ׳בין אַ לאַמאַר (מאַנאָלאָג) דזשיגאַן. 15) פינאַל אַנסאַמבל. — מוזיק־לײטונג: דוד בײגעלמאַן. — בילעטען צו בעקומען אין קאַסע.

ארץ=ישראל=אראבער דראהען
מיט א פאסיווען ווידערשטאנד געגען ענגלאנד

ו י ע ן, 25 (ספ. טעל.)

„רייכספאסט" איז מודיע פון ירושלים:

צום ענגלישען הויך - קאמיסאר איז אוועק א רעלעגאציע פון אראבער און פון איהם געפאדערט ארויסצוגעבען א פערבאט צו פערקויפען יודען אראבישע ערד און אויך פערווערען די ציוניסטישע עמיגראציע קיין פאלעסטינע. אזוי ווי דער הויך - קאמיסאר האט אפגעזאגט צו דערפילען די פאדערונגען, האבען די אראבער בעשלאסען צו רופען אויף דעם 26 ה. ח. א קאנגרעס קיין יפו, אויף וועלכען עס זאל פראקלאמירט ווערען דאס אפזאגען זיך פון די אראבער פון מיטארבייט מיט דער ענגלישער מאכט און אויך פאסיווער ווידערשטאנד געגען ענגלאנד.

די נייע פאליטיק פון די אראבער וועט זיך אנהויבען מיט א גענעראל-שטרייק.

גרויסע שניי-שטורמען אין רומעניען

ב וקארעשט, 25 (ספ. טעל.)

די גרויסע שניי-שטורמען אין רומעניען הערען נישט אויף. דער שניי דערגרייכט אין עטליכע ערטער ביז אנדערהאלבען מעטער הויך. אויף פיל באהן - ליניעס איז די בעוועגונג איינגאנצען אפגעשטעלט און אייניגע צוגען געפינען זיך אין שניי.

שטרייק פון ווינער צייטונגען

ו י ע ן, 25 (ספ. טעל.)

צוליב די נייע צענזור-פארשריפטען האבען פערשטרייקט אלע ווינער צייטונגען, אויסער דער אפיציעלער „ווינער צייטונג" איז נישט ערשינען קיין שום צייטונג.

איבערגעריסען די אונטערהאנדלונגען
צווישען ענגלאנד און די סאוויעטען

ל אנדאן, 25 (ספ. טעל.)

דער ענגלישער אויסערן-אונטערשטאטס-סעקרעטער עדען האט ערקלעהרט אין פארלאמענט, אז די ענגלישע רעגירונג האט בעשלאסען איבערצורייסען די אונטערהאנדלונגען מיט די סאוויעטען וועגען א האנדעלס-אפמאך.

גראף לאסאצקי פערמשפט אויף א יאהר תפיסה

ו א ר ש א, 25 (ספ. טעל.)

דא איז היינט פארגעקומען א פראצעס געגען גראף לאסאצקי, וועלכער האט זיך אין א ווארשאווער רעסטאראן ארויסגעדריקט צום קעלנער: „לייג זיך אויס דייטש, די פוילישער שווין איינצער".

לאסאצקי איז פערארטיילט געווארען אויף א יאהר טורמע.

די זיצונג פון סענאט האט געדויערט... 37 מינוט

ו א ר ש א, 25 (טעל.)

היינט פארמיטאג האט דער סענאט אפגעהאלטען א זיצונג, וועלכע האט געדויערט 37 מינוט. און אט אויף דער דאזיגער קירצער זיצונג האט דער סענאט אנגענומען דאס געזעץ וועגען די פולמאכטען פארן מלוכה-פרעזידענט. דאס געזעץ איז אנגענומען געווארען אהן דיסקוסיע מיט די שטימען פון „בעבע", ווייל די אפאזיציע האט דעמאנסטראטיוו פערלאזט דעם זיצונגס-זאל.

בעקאנטמאכונג.

מיר רופען אלע, וואס נעהמען אויף לויז אין די מעכאנישע זאקען=בראנזשע

אויף א פערזאמלונג

וועלכע קומט פאר אין האנדווערקער-קלוב אויף פאלודניאווא 4 היינט, זונטאג, 10 א זייגער פריה.

עס ווערט געבעטען אין אייגענע אינטערעסען צאהלרייך צו קומען. 1597 די גרינדער.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער געעהרטען פערוואלטונגס-מיטגליד און קאסירער פון „תומכי אורחים"

ה' בעריש רוסשאק

צו דער חתונה-פייערונג פון אייערע ליבע טאכטער סול. סאלא מיט ה' משה יוסף רייכמאן

און מיר ווינשען אייך פיל נחת און פרייד.

די פערוואלטונג

פון הילפס-פעראיין „תומכי אורחים"

לאדז, דעם 26 מערץ 1933.

אלע דארפען וויסען!

צום זומער-סעזאן בעקומט איהר

רעשטען

פון די בעסטע רוהליטעטען בילי צער, טאמאשאווער און אנדערע גוטע פאבריקאנטען

הערען= און דאמען-שטאפען

פאר מענער	מיט 30% ביליגער! קומט און איבערצייגט אייך!	פאר דאמען
אויף אנצוגער, אויף פאלטאס		אויף פאלטענס, אויף קאסטיומען

געדענקט דעם אדרעס

נור ביי

R. Szczęśliwy

5 נאווראמיעסקא 5

פראנט, II שטאק.

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזשער בעפעלקערונג!

אמבולאטאריום

ביים פעראיין „לינת המשמורים"

זשעלאזנא 26, טעל. 242-55

אפען טעגליך פון 10–5 נאכמ.

אין דרינגענדע פאלען ביז 8 אווענט

ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפן ארט – שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים.

נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אפצאהלונג. די פערוואלטונג.

נעזעלשאפטס-קלוב ביים לאדזשער זשורנאליסטען-סינדיקאט, פיעטריקאווער 121.

1-טער פארלעזונגס-פרימארגען

היינט, זונטאג, דעם 26. מערץ, 12 מיטאג וועט אין לאקאל פון קלוב ביים סינדיקאט (פיעטריקאווער 121) האלטען א פארלעזונג דער וויצע-פרעזעס פון דער לאדזשער האנדעלס-קאמער מיעטשיסלאוו הערץ מחבר פון בוך א.נ. „לאדז אין דער צייט פון דער מלחמה" אויף דער טעמא: „דאס, וועגען וואס כ'האב נישט געשריבען".

בילעטען צום פרייז פון 1.50 זל. פערקויפט היינט דער סעקרעטאריאט פון סינדיקאט.

אכטונג, צייטונגס-פערשפרייטער!

אלע צייטונגס - פערקויפער, וואס ווילען זיך רעגיסטרירען אויף דער פסח = אקציע מוזען זיך אומבעדינגט מעלדען אין פערלויף פון היינטיגען טאג צו אונזער וויצע-פרעזעס ה' פנחס זאנענבערג ביי רוז קאנסטאנטינער און נייע שטאט

מיט אכטונג די פערוואלטונג

פרעזעס לובאווינע

סעקרעטער פינק

גאלד, בריליאנטען, זילבער, פערשיר, ביזשוטעריע, לאמבארד-קוויטעס קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען

Magazyn jubilerski M. H. LISSAK, Piotrkowska 5

פאר

גאלד, ביזשוטעריע

און לאמבארד- קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא,

פיעטריקאווער 7.

כ'מאך בעקאנט

מיינע געעהרטע קונדשאפט, ווי אויך די אלע, וועלכע מיין פירמע איז נאך נישט בעקאנט, אז צו דעם קומענדיגען יום-טוב ראט איך פארגעבריים א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

דאמען= און מענער=היטען

לויט די נייעסטע פאסאנען און מאדערנסטע קאלירען. בלייבענדיג וויזרט אנגענומען צו איבערפאסאנירען דאמען- און מענער-היטען פון נאר א"ם אויף גענצליך נייע און אלץ צו ביליגע פרייזען. אדרעס:

„פערדער"

זגערסקא 20,

לוטאמיערסקא 2,

און זגערכא 7.

קריזיס=פרייזען!

די גוט=בעקאנטע פירמע

A. Ogórek, Zawadzka 11

עמפפעהלט צום פריהלינגס-סעזאן די נייעסטע קרעאציעס

שיך

פון דאמען-, הערען= און קינדער-

קריזים=פרייזען! קריזים=פרייזען!

---

3 דאס לאנגיאריגע בעקאנטע און רעעלע 3

טוך און קארט=געשעפט

Herman WŁOSKI

(עקזיסטירט פון 1910)

לאדז, נאווראמיעסקא 3, טעל. 114-92

פראנט 2-טער שטאק

בעזיצט אויף לאגער צום פריהלינג און זומער-סעזאן דעם גרעסטען און שענסטען אויסוואהל פון די

ביליגסטע הערען און דאמען-שטאפען

3 אין זעמטליכע פארבען און מוסטערן פון ענגלישע, ביליצער, טאמאשאווער סחורות א.א. געניע פאבריק-פרייזן! געדענקט די אדרעס! קומט און איבערצייגט אייך! 3

רעעלע באהאנדלונג!

מאשין - מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע ווי אויך

מצה-מעהל, אייער= פערפעל און סוכארקעס

לויט קשרלסבערגער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט בעקאנטע און אלערליי

פרישע געבעקסען

פון אונזער איבעראל בעוואוסטער

צוקערניע

ב. ווייינבערג

פיעטריקאווער 38

טעל. 143-82 1130

פאר

מאגעןלײַדנדע

ראבארבער-וויין

אין פרימא-קוואליטעט

צו ביליגע פרייזען

צו בעקומען אין וויינהאנדלונג פון

E. SZYKIER

Północna 1, tel. 107-84.

Dr.

Wajnberg

ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און מאגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אוו.

אנ'אנגעזעהענער און רוטינירטער סוחר

בעזיצט אנ'איינגע גרויס הויז האט א גוטען נאמען זוכט א

פערטרעטונג

פון אנ'אנגעזעהענער פירמע פון דער שטרימף- טריקאטאזש- און גאלאנטעריע -בראנזשע

אויפפאזען און פאמערן

אפערטען אונטער "A 100" „.I אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג.

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען

Dr. med. G. KRAUSZ

פיעטריקאווער 86, טעל. 204-74.

אויפנאהמס-שטונדען פון 9.30 ביז 7 אוו.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

Dr. med. Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פון נירען-, בלאז-און אורין-קראנקה.

וואוינט יעצט

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95.

נעהמט אן פון 8–9 פריה און 3–6 אוו.

Dr.med. J. SCHORR

פון IWONICZ

ספעציאליסט

פאר הארץ און סקלעראזע=קראנקהייטען

וואוינט יעצט אין לאדז

גדאנסקא 11 טעל. 226-85

נעמט אן טעגליך פון 4–6 נאכמיטאג.

דאמען=שניידער-געזעלען

נאך בידגאשטש ווערען געברויכט צו גאנץ יעהרליכע ארבייט צו מאגאזין - ארבייט, הויפטזעכליך קואליפיצירטע זעלבסטשטענדיגע ארבייטער צו ווענדען זיך ביי ל. לעווקאוויטש פון 2 ביז 4 נאכמ. צעגעלניאנע 53, וואוינונג 16 אדער שריפטליך בידגאשטש, סטארי רינעק 21 ביי A. Cwi 1692.

א גרויס פראנט-לאקאל

בעשטעהענד פון א גרויס געוועלב מיט 2 צימער און קוך מיט אלע בעקוועהמליכקייטען, גיאייגנעט פאר אלעס, זאפארט איבערצוגעבען, ביליג דירה געלד אין דער געגענד פון גרינעם מארק. צו ערפאהרען ביי וואלבערג, גרינער מארק 5.

Starszy Felczer

S. SUSZKIEWICZ

11 Listopada 15, tel. 155-45

נעהמט אן פון 8—12 און פון 18—20 נאכמ.

פיהרט אויס יעדע ערצטליכע פעראָרדנונג צו ביליגע פרייזען. בערגותינס געלשמיינער שהן שמע צין, שטענדיג פרישע פיאווקעס. 1472

לערער

צו חמש, לערנען צו הויזען און עקסטערן ווערען אויפגענומען ביי

גארדמאן,

שרודמיעסקא 8.

סטאצ. אויך העגנשקעס

7=קלאסיגעם מוסטערהאפט

חדר „תורה ודת"

פלאץ וואלנאשטשי 6 (נייע שטאט)

נייע תלמידים ווערען אנגענומען אין אלע מחלקות ווי אויך אין גן-ילדים (פרעבעל-שולע)

לאדז: 26 מערץ 1938

„נייער פאלקסבלאט“

לאדז: 26 מערץ 1938

דער קלאון אויף דער טריבונע

דער גצוו. דעפוטאט פון דער פויערים־פארטיי, וועלכער האט זיך שפעטער אפגעשמדט און איז אריבער צו דער סאנאציע—סאנאיצא איז פון שטענדיג אן דער „אנפאן טעריבל“ פון דעם פוילישן סיים. מען האלט שטענדיג דעם ארויסטריט פון דעפ. סאנאיצא פאר א פרייליכע אטראקציע, מען נעמט איהם קיינמאל נישט ערנסט.

ווי נאר סאנאיצא דהויבט אן צו רעדן, הויבט זיך אן א קאנאנאדע פון גלייכווערטלעך און צווישענרופן, וועלכע פאלען אויפ'ן אדרעס פון רעדנער. סאנאיצא בלייבט נאטירליך נישט שולדיג, פארט א דרייסטער פויער, וועלכער זיצט שוין לאנגע יאהרען אין פוילישן פארלאמענט — און דא הויבט זיך אן די ריכטיגע חתונה.

און גראד אויף אונזער מזל איז אויף סאנאיצאן אויסגעפאלען צו רעפערירן די אריינגעטראגענע אין סיים פארשלאגן וועגן די לעמבערגער עקסצעסן. דאס מאל האט סאנאיצא געפרובט זיין „ערנסט“ און די ענדעציע האט טאקע געשעפט נחת פון דער דאזיגער „ערנסטקייט“. און זי האט טאקע געהאט מיט וואס צו שטאלצירן. עס ווייזט זיך ארויס, אז די „יודענקענערישע תורה“, די, וועלכע סאנאיצא האט געלערנט אין פערלויף פון לאנגע יאהרען, בעת די ארויסטרעטונגען פון די ענדעקישע סיים־דעפוטאטען, איז נישט געגאנגען לאיבוד. סאנאיצא האט גלענצענד אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אלס „מגיסטער“ פון דער ענדעקישער „יודענקענערישער אקאדעמיע“.

און עס איז העכסט כאראקטעריסטיש פאר דער אנטיסעמיטישער אידעאלאגיע, וואס זי געפינט אפט א זעהר גינסטיגען באדען דוקא אין די פויערישע קעפ, אין דעם פאל קען דינען אלס א קלאסישער ביישפיל דעפ. סאנאיצא. דער אנטיסעמיטיזם האט פיינט לאגיק און שכל און דערייבער טרעפט ער אפט אזוי צו דעם איינפאכן מענשן, וועלכער איז אומפעהיג צו דענקען און צו אנאליזירן.

האט טאקע דער ענדעקישער „מעפיסטא“ זיך געמוזט קיילן פאר געלעכטער, אויסהערנדיג דעפ. סאנאיצאס רעפעראט און ארגומענטאציע. עס האט קיינער קיין בעסערע ענדעקישע רעדע נישט געקענט האלטן, ווי דער סאנאציע־דעפוטאט סאנאיצא.

מענה'ט דאך די גאנצע צייט דמאווסקי, דונערט דאך דער ענדעקישער דעפוטאט ווירמשאק פון דער סיים־טריבונע, אז דער אנטיסעמיטיזם מיט אלע זיינע בלינדע אינסטינקטען, וועלכע ער וועקט, זענען א מין זעלבסטפערטיידיגונג געגען דעם יודישן איינפלוס אויף אלע געביטען פון מענשליכען לעבען, אז דער היטלעריזם איז א רייניגונג פון דער דייטשער נאציע פון פרעמדע עלעמענטען (צי נישט אמאל אויך פון פוילישע ?) — פארוואס זאל טאקע דעפ. סאנאיצא נישט אויסנוצן די דאזיגע ארגומענטען פון ענדעקישן ארסענאל ביים בעהאנדלען די לעמבערגער געשעהענישען ?

מען דארף באטראכטען בהדרגה די פארווארפען, וועלכע ס'האט אונז געמאכט דעפ. סאנאיצא, כאטש זיי זענען אלט און פערשימלט, ווי בכלל אלע אנטיסעמיטישע פארווארפען. אלזא: יודען פראטעסטירען נישט געגען די ברוטאלע מעשים פון די היטלעריסטישע שטורם־אפטיילונגען.

משמעות, אז דעפ. סאנאיצא לייענט בכלל קיין זאך נישט א חוץ זיינע פויערים־בראשורען, מחמת אנדערש וואלט ער געוואוסט, אז די אנטי־יודישע ארויסטרעטונגען אין דייטשלאנד האבען אויפגעבראזט די יודישע מאסען אין דער גאנצער וועלט, און אז דער גאנצער ענין איז ווייט ארויס פון די גרעניצען פון דייטשלאנד. דעפ. סאנאיצא האט דעם זעלבען טעות, וואס זיינע יודישע חברים פון סאנאציע־קלוב. עס האט זיך אין די דאזיגע קרייזען טיילווייז צוליב טעמות, טיילווייז בעוואוסטזיניג (טאקע ביי די סאנאטארישע יודישע דעפוטאטען) איינגעבירגערט די מיינונג, אז ווען מען פערפאלגט יודען אין א געוויסען לאנד ווירטשאפטליך אדער פיזיש — איז דאס א „ריין־אינערליכער“ מלוכה־ענין. און פרובט וואו עס איז אין אויסלאנד א יודישע אדער נישט־יודישע צייטונג שרייבען וועגען די דאזיגע „ריין־אינערליכע“ ענינים און זיי ווי געהעריג באלייכטען — איז קלאר, אז מען האט דא צו טאן מיט אינספיראציע, מיט אנטי־פוילישער פראפאגאנדע און מיט רעקלאמע.

אויב מען זאל די דאזיגע טענות איבערזע־

אויפ'ן לשון פון א צירק־קלאון, וואלט דאס געקלונגען אויף פאלגענדן אופן: יודען זענען א האנדעלס־פאלק און כדי זיך געהעריג צו רעקלאמירען, שטעלען זיי זיך נישט אפ פאר די קאסטבארסטע רעקלאמעס, אפילו פאר'ן וועקען אין דער ענדעקישער יוגענט די נידריגסטע אינסטינקטען, וועלכע ווערען אויסגעלאדען אין דעמאלירען יודישע אונטערנעהמונגען און ברעכען יודישע קעפ. יודען נוצען שפעטער אויס די געשעהענישען אלס א רעקלאמע פאר זייערע „פאליטישע געשעפטען“. דאס דערמאנט יענע מעשה, ווי אזוי א יוד האט אויף זיך אליין א פאגראם געמאכט. אבער אנטיסעמיטישע מוחות האבען משמעות א גאנץ אייגנארטיגע קאנסטרוקציע, און וואס איז שייך יודען, לייגט זיך דאס אלץ אויפ'ן שכל.

אין דער אמת'ן זענען שוין היינט די לאנ־

דער נישט ארומגערינגעלט מיט כינעזישע מויערן. און אלץ, וואס געשעהט אין איין לאנד, ווערט אריבערגעטראגען מיט די לופט כוואליעס אין צווייטען לאנד, ווען אפילו די צענזור פערבאט שטרענג וועגען די אלע זאכען צו שרייבען, און ווען אפילו אייגענע יודעלעך בעמיהען זיך וועגען דעם צו רעדען נאר בחדרי־חדרים.

דער פארווארף, אז מיר מאכען פון די אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען א שרייענדע רעקלאמע, איז א געוועהנליכער בלבול פון ענדעקישען ארסענאל.

עס איז פונקט פערקעהרט. דאס מאכען זיך „רעקלאמע“ די העלדען פון די נאוועמבער־מאניפעסטען און מיר זענען נאר „אן אביעקט“ פון דער רעקלאמע.

א צינצינאטוס.

דער אנטיסעמיטיזם איז א מאסען־פסיכאז

וועלכען מ'דארף ענערגיש בעקעמפען

דעפ. ניעדזשיאלקאווסקי וועגען די בעראטונגען פון צווייטען אינטערנאציאנאל

אין ציריך זענען פארגעקומען די בעראטונגען פון דער עקזעקוטיווע פון צווייטען אינטערנאציאנאל. אין די בעראטונגען האבען זיך מצד די פוילישע סאציאליסטען בעטייליגט דעפ. ליבערמאן און דעפ. ניעדזיאלקאווסקי, זיי זענען איצט צוריקגעקומען פון ציריך און דעפ. ניעדזיאלקאווסקי האט ערטיילט אין צייטונגס־מיטארבייטער אן אינטערוויו:

דער פערלויף פון די בעראטונגען און די בעשלוסען ווערען דערווייל געהאלטען בסוד און וועלען פערעפענטליכט ווערען ערשט אין א בעווויסער צייט ארום. פערשטעהט זיך, אז איינע פון די וויכטיגסטע פראגען אויף דער סעסיע איז געוועזן די פאליטישע לאגע אין דייטשלאנד און די רעפרעסיעס און פערפאלגונגען, וועלכע עס מוזען אויסשטיין די דייטשע סאציאליסטען. די „נאציאנאלע רעוואלוציע“ אין דייטשלאנד איז פארגעקומען ערשט נאך די וואהלען און עס איז זעהר מערקווירדיג, וואס די רעפרעסיעס האבען נישט געפונען קיין שום ווידערשטאנד אפילו מצד בייערן וועלכע איז ביז איצט געוועזן איינגאנצען אונטער דער השפעה פון קאטאלישן צענטער. דאס קען מען דערקלעהרען דערמיט, וואס די יוגענד אין בייערן איז אין לעצטען מאמענט אריבער צו היטלערן און דאס האט געגעבען די מעגליכקייט צו מאכען לייכט די איבערקעהרעניש אין בייערן. ווי אזוי עס וועט זיך געשטאלטען די לאגע אין דייטשלאנד אין דער נאהענטסטער צייט איז איצט שווער פעסטצושטעלען. עס ווארפט זיך אין די אויגען די אפאטיע פון די גרויסע מאסען אין דייטשלאנד און דאס קען מען ערקלערען מיט פסיכאלאגישע מאמענטען. די מאסען האבען מיט קליינע אויסנאמען נישט ארויסגעוויזען קיין שום ווידערשטאנד.

דעפ. ניעדזשיאלקאווסקי מאכט אויפמערקזאם דערויף, אז אין דייטשלאנד האט קיינער נישט געהאלטען, אנהויבענדיג פון פאפענען און הוגענבערגן און ענדיגענדיג מיט די דייטשע קאמוניסטען, אז די אזוי גערופענע „נאציאנאלע רעוואלוציע“ וועט אננעהמען אזעלכע פארמען, ווי עס האט פאסירט אין דער ווירקליכקייט. גיכער האט מען גערעכענט, אז ווען היטלער וועט קומען צו דער מאכט, וועט זיך אנהויבען א צייט פון גזעצליכקייט. אבער די ערווארטונגען זענען אפגענארט געווארען. מען בעקומט דעם איינדרוק, אז אין דייטשלאנד זענען אלע פאקטארען פון דער פאליטיק געווארען איבערראשט פון גאנג פון די געשעהענישען.

מען קאן נישט לייקענען, זאגט ווייטער ניעדזשיאלקאווסקי, אז אויף וויפיל עס האנדעלט זיך וועגען יודישען מאמענט, איז דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד געוואלדיג געשטיגען. דאס איז א מאסענהאפטיגע פסיכאפאטישע ערשיינונג און אנדערש קאן מען דאס נישט ערקלערען. פאלען פון שלאגען און פייניגען יודען זענען אויף דער טאג־ארדנונג, דער אנפאל איז פערשטעהט זיך נאך מעהר אכזריותדיג, ווען עס ווייזט זיך ארויס, אז דער בעפאלענער איז א קאמוניסט אדער א סאציאליסט. עס איז א סימפטאמאטישע ערשיינונג, וואס דער פסיכאז האט זיך אריבערגעכאפט אויף קיין עסטרייך.

אין עסטרייך קאן מען אפט געפינען אזעלכע אויפשריפטען ווי „יודא פעררעקע!“ אין עסטרייך זענען ענטשטאנען זעהר פיל אנטיסעמיטישע טאטערס, די היימוועהר און די נאציאנאל־סאציאליסטען בילדען אין עסטרייך א געמיינזאמען פראנט געגען די יודען.

ניעדזשיאלקאווסקי דערצעהלט, אז ביי דער רייזע קיין ציריך האט ער דייטשלאנד אויסגעמיטען, מען דארף זיך רעכענען דערמיט, אז דער צווייטער אינטערנאציאנאל וועט בעשליסען דייטשלאנד צו באיקאטירען.

* * *

אין נעכטיגען נומער „ראבאטניק“ געפינען מיר אויך א לייט־ארטיקעל פון דעפ. ניעדזשיאלקאווסקי, געווידמעט דעם פסיכאז פון אנטיסעמיטיזם. דער מחבר האלט, אז דער אנטיסעמיטיזם איז געווארען א מאסען־פסיכאז: אין אלצדינג זעהען די אנטיסעמיטען די שולד פון די יודען: די פון דער וועלט־קאטאסטראפע זענען די יודען, קאפיטאליזם — זענען יודען, מארקסיזם — זענען יודען, אין ארבייטסלאזיגקייט זענען שולדיג די יודען א. א. וו. א. א. וו.

דעפ. ניעדזשיאלקאווסקי שרייבט וועגען דער אנשטעקעוודיגקייט פון אנטיסעמיטיזם: פון דייטשלאנד ווארפט ער זיך אריבער קיין עסטרייך און פוילען (די ענדעציע אין פוילען האט, דאכט זיך, נישט געווארט אויף היטלער'ן, זי האט די קונץ פון יודען־האס און יודען־העצע געקענט פון פריהער, די רעד.—)

מען דארף, שרייבט דער פיהרער פון די פ. פ. ס., מיט די דאזיגע ערשיינונגען זיך פארנעהמען גאר ערנסט. די פרובען ארויפצולאזען דעם קאמף פאר ברויט און פרייהייט אויף די רעלסען פון אנטיסעמיטיזם שטעלען מיט זיך פאר זעהר ערנסטע געפאהר, וועלכע מען טאר נישט נישט דערזעהן און נישט אויסמיידען, דער אנטיסעמיטיזם איז די געהילפס־ארמע פון פאשיזם, פון דיקטאטור, פון יעטוועדער רעאקציע.

מען דארף אלזא געגען אנטיסעמיטיזם אונטערנעהמען א גרויסען און סיסטעמאטישען קאמף. אט צו דעם אויספיהר קומט דעפ. ניעדזשיאלקאווסקי. די רייזע קיין ציריך האט, ווייזט אויס, דעם פפסישען דעפוטאט עפעס געלערנט...

צי וועלען מיר צוקוקען, ווי עס לעבען אויף די פאגראמען?

אפענער בריף פון ג. פראנצויזישען פרעמיער העריא צו זיינעם אן'ענגלישען פריינד

דער געוועזענער פראנצויזישער פרעמיער העריא, איינער פון די פיהרער פון דער דעמאקראטיע אין פראנקרייך האט אין דער גרויסער איירישער פרעסע פערעפענטליכט א זעהר אינטערעסאנטען ארטיקעל אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען אין דייטשלאנד און מיט דער רייזע פון מאקדאנאלדען קיין רוים. דער ארטיקעל איז געשריבען אין דער פארם פון א בריף צו אן ענגלישען פריינד, טער (אונטער דעם נאמען זאל זיך געפינען א זעהר אנגעזעהענער ענגלישער גלות־כה־מאן). אין דעם ארטיקעל ווייזט העריא ארויס, אז די געוואלטיגע אנטיסעמיטישע בעוועגונג, מיט וועלכער די נאציאנאל־סאציאליסטען האבען פער'סמ'ט די אטמאספערע אין דייטשלאנד, איז איהם גוט בעקאנט און ער בעציהט זיך צו איהר אזוי ווי אן'אויפריכטיגער און הויך־קולטורעלער אייראפעער קאן זיך דערצו בעציהען. העריא שרייבט אין זיין ארטיקעל צוו. אנד.:

וואס דאס דעמאקראטישע פראנקרייך פערלאנגט — דאס איז די איינהאלטונג פון שלום דאס איז דער איינהייטליכער פראנט געגען קריג. איך אפעליר אין נאמען פון דעם געוויסען פון מיין לאנד צום געוויסען פון דיין פאלק. דער דאזיגער באנד צום שוץ פון שלום. פרייהייט, דארף אין די דאזיגע ערנסטע שעה'ן ווערען דער לאזונג פון אלע פאציפיסטען און פון אלע ליבעראלען. ענגלאנד און פראנקרייך האבען פון דער געשיכטע בעקומען א מיסיע, וועלכע זיי טארען נישט פערנאכלעסיגען.

דו ניסט זיך מסתם אפ א דין וחשבון, טייערער פריינד, שרייבט העריא ווייטער אין זיין ארטיקעל, פון דעם, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די אידעאלאגיע פון היטלערן. דו האסט מסתם געלייענט דעם אינטערוויו מיט אטא וואגנער, וועלכער איז בעקאנט אלס פערטרויאונגס־מאן פון איצטיגען דייטשען קאנצלער? דאס, וואס די איצטיגע דייטשע פיהרער ווילען ענדערען, דאס איז נישט בלויז די ריכטונג פון דער פאליטיק, נאר אויך די עטישע פרינציפען פון זייער פאלק. זיי האבען פרעטענזיעס צו שאפען א נייע קאנצעפציע, א נייע וועלט־אנשויאונג און כדי צו ערפילען די דאזיגע זאך טוען די זיך איבער אין אנטיסעמיטען, וועלענדיג אונז אפנארען, מיך און דיך, מענשען פון אנדערע מנהגים, מענשען, וועלכע בענוצען אויך אין דער צייט פון קריזיס זייערע אלטע בגדים.

אין נאמען פון „קריסטליכען גלויבען“, וועלכען דו, — איך בין זיכער דערין — טיישסט נישט אויס אויף אזא אנרעסיווען אופן, ווילען זיי ארויסטרייבען די יודען פון דייטשלאנד. און גלייכצייטיג שווימט אויף אין מיין זכרון די ערהאבענע געשטאלט פון יענעם גרויסען פויבסט, וועלכער איז אמאל ארומגעגאנגען איבער די מויער פון רוים, כדי צו שיצען דאס לעבען און דאס פערמעגען פון די יודען.

איך ווייס גוט, אז דאס פרייע ענגלאנד קאן נישט לויבען די פערפאלגונגען, וואס טוען זיך אפ אין היטלערס דייטשלאנד. די דאזיגע מענשען ווילען אויך פערניכטען די דעמאקראטיע און די אלע ערוואבערונגען, וועלכע האבען געזיכערט די רעכט פון מענשליכען יחיד.

וואס־זשע וועט ביי אזעלכע שטאטען פון היט לערן ווערען נישט נאר פון אונזער דעקלאראציע פון די מענשען רעכט, נאר אויך מיט דעם רעכט פון אונבעריהרליכקייט פון בירגער? צי וועלען מיר מיט די אייגענע אויגען זעהען ווי עס לעבען ווידער אויף די פאגראמען?

און צי קאנען מיר אין דעם מאמענט איבערלאזען די דייטשע ליבעראלען זייער אייגענעם גורל?

מ'האט אוועקגעשיקט אויף עמיגראציע דעם אויסגעצייכענטען מענש, דעם בירגערמייסטער פון קעלן, אדענאוער, וועלכער האט פערוואנדעלט פארטיפיקאציעס אין פרעכטיגע גארטענס. צי האט דיך דער דאזיגער פאקט נישט אנגערירט, צי ביסטו פון איהם נישט געווארען גערירט?

די פארבערייטונגען צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין טשיקאגא

ווארשא (יט"א) די „גדיניא־אמעריקא־ליין“ טיילט מיט, דאס אין יוני און אויגוסט וועלען אפפאהרען פון גדיניע קיין אמעריקא ספעציעלע שיפען מיט אויספלוגען צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין טשיקאגא. די אויספלוגען וועלען פערבינדען אין די פערהאייניגטע שטאטען פון 7 ביז 15 טעג. דער פרייז פון בילעט פון גדיניע קיין ניו־יארק און צוריק בעטרעפט פון 1,975 זל. ביז 2,575 זל., אפהענגיג פון קלאס און אויפענטהאלט־ווייער אין די פערייניגטע שטאטען. די צו דארפען צוגערעכענט ווערען בלויז די קאסטען פאר אן'אויסלענדישען פאס און אמעריקאנער וויזע. די אמעריקאנער וויזעס ווערען ערטיילט לויט'ן אייגצעהען פון אמעריקאנער קאנסול די פערזאנען, לגבי וועלכע ער האט נישט קיין צווייפעל, דאס זיי וועלען נישט פערבלייבען אין אמעריקא.

די אויספלוגען וועלען א חוץ טשיקאגא בעזוכען אויך די אמעריקאנער הויפטשטעט, ווי ניו־יארק, וואשינגטאן, פיטסבורג, בופאלא און דעטראיט.

אין פאל ווען עס וועט ארגאניזירט א גרופע פון 25 פערזאן, בעקומט דער לייטער אן'אומזיסטען רייזע־בילעט.

Dr. med. H. LUBICZ

ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראנקהייטן

צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32.

עהמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אוונד, זונטאג פון 9–11 בייטאג.

ביסמארק און לאסאל

פון דר. דוד מאלץ.

צי איז ביסמארק געווען אַנ׳אַנטיסעמיט? לאַר מיר בעטראכטען זיין לעבען. 32 יאָהר אַלט זייענדיג רעדט דער פּאָמערישער יונקער פאָן ביסמאַרק אין פרייסישען לאַנדטאַג: „איך בין נישט קיין פיינד פון יודען און ווען זיי ווע̇לען זיין מיינע פיינד, בין איך זיי מוחל, איך האָב זיי אַפילו ליב אונטער געוויסע אומשטענדען, איך פערגין זיי אַלע רעכט, נאָר נישט דאָס אין אַ קריסטליכער מלוכה צו פערנעהמען אַנ׳אָנפיהרענדען אַמט... פאַר מיר זענען די ווערטער פון „גאָטס חסד" נישט קיין פוסטער קלאַנג... אַלס גאָטס ווילען קאָן איך נאָר אַנערקענען דאָס וואָס עס ווערט ענטפלעקט אין עוואַנגעליום... נעמען מיר אוועק דעם רעליגיעזען יסוד פון דער מלוכה, דאַן בלייבט אין דער מלוכה גאָרנישט פון די רעכט, וואָס זענען אַ פעסטונג געגען קריג פון אַלע געגען אַלע. עס איז מיר נישט קלאָר ווי אַזוי מען קאָן אין אַזאַ שטאַט אָבזאָגען דעם רעכט פון די אידעען פון אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם און קאָמוניזם יועגען דער אומנאָרמאַלישקייט פון אייגענטום... ווען איך שטעל מיר פאָר אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער געהייליגטער פּערזאָן פון קעניג אַ יודען, וועלכען איך דאַרף געהאָרכען, מוז איך מודה זיין, אַז איך פיהל זיך דאַמאָלס הכנעה־דיג און אין אַ דריקענדער שטימונג... איך טייל די דאָזיגע געפיהלען מיט דעם מאַן פון נידריגען פאָלק און איך שעהם זיך נישט מיט דער דאָזיגער געזעלשאַפט".

אַזוי האָט גערעדט דער יונגער ביסמאַרק, וועלכער האָט זיין לעבען לאַנג נישט געוואָלט געהאָרכען נישט קיין יוד און נישט קיין קריסט, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון קעניג, וועלכער האָט צעריסען די אייגענע לעבענסקראַפט און געשוימט דעם כעס, וואָס ער אַלס רעפּרעזענטאַנט פון קעניג האָט געדאַרפט לכל הפחות איהם געהאָרכען.

אין דין 50־טען לעבענסיאָהר איז ביסמאַרק געווען אַ מאַכט אָהן אַ קאָנקורענץ. הגם כמעט אָהן אַ פּאַרטיי און דער־צו רעוואָלוציאָנער, איז געווען אַנערקענט, נישט דורך עהנליכע ועדאַנקען און נישט דורך מאַכט, פערדינאַנד לאַסאַל פון זיין גרויסען קאָנקורענט — דאָס איז געווען בלויז דער מאַגנעטיזם פון גענ̇יוס, וועלכער האָט צוזאַמענגעפיהרט ביסמאַרק׳ן מיט לאַסאַלען.

ביסמאַרק איז געבליבען פעסט אויפ׳ן באָרען, אַ פאָרקעמפער פון דין קלאַס, צוריקקומענדיג צו די יוגענד אַוואַנטורעס, צו די געשלאָסענע פאָרמען פון לעבען אין בעזיץ, פון וועלכע ער האָט געערשטאַמט דאָך ווי אַ שטאַטסמאַן, פולשטענדיג אָהן סענטימענטען, גרייט צו געהען מיט יעדען פאָלק און מיט יעדער מלוכה־פאָרם, ווען עס ברענגט איהם נוצען. דאָס האָט געקעמפט אַלס יוד און בירגער לאַסאַל. ביסמאַרק האָט גאָרנישט געאָפּפערט ווען ער האָט אָנגעהויבען, אָבער לאַסאַל האָט אַלעס געשטעלט אין סכנה. יענער האָט בעפעסטיגט זיין שטאַנד און שטעלונג דער האָט פערלוירען אין תפיסה זיין פרייהייט.

און דאָך זענען זיי ביידע געווען פון גלייכע אימפולסען. שטאָלץ, מוט און האַס האָבען געטריבען דעם יודישען סאָציאַליסט און דעם פּאָמערשען יונקער צום האַנדלען. און ביידע האָבען די זעלבע מאָטיווען אַרויסגעוויזען דעם ווילען צו מאַכט.

אָבער דורך זיין סטאַבילער באַזיס איז ביסמאַרק געווען צו דעם פערורטיילט: ער האָט געוועהלט זיין קעניג, יענער די מאַסע. ווען ביסמאַרק האָט געוואוינט אין פעסטען שלאָס, האָט ער דאָך כסדר געהערט די שריט פון דעם מאַן (דעם קעניג), בײַ וועלכען צו וואוינען עס איז געווען זיין גורל. לאַסאַל האָט קיינעמען נישט געהערט איבער זיך, אָבער זיין שלאָס איז געווען פול פון לופט און זיינע נערוון האָבען שטאַרקער געציטערט אין ברויזענדען ווינד פון דער צוקונפט, ווי אין די רייבונגען פון רעאַלע לעבען, וואָס האָבען רואינירט ביסמאַרקס נערוון.

וואָס עס האָט ביידע צוזאַמענגעפיהרט, איז געווען דער קאַמף געגען בירגערטום. ביסמאַרק האָט געוואָלט די מאַכט געגען דער קאָנסטיטוציע. לאַסאַל האָט געוואָלט מאָביליזירען די מאַסען. יענער האָט געהאַט וואַפען אין האַנד, מיט וועלכע ער האָט מענשען אויסגעריסטעט מיט ציואַנג, דער האָט געהאַט הונדערטער טויזענטער, וועלכע האָבען אומויסט פערלאַנגט וואַפען. ביידע מענער האָבען אין הויך געוואָלט די דיקטאַטור אונטער זייער לייטונג. ביידע האָבען געהאַסט דעם פריי־האַנדעל מיט סחורות און געהאַנקעט און זייער טרעגער — די ליבעראַלען.

ווען ביסמאַרק האָט אין יאָהר 1850 - 1860 זיך פערנומען מיט דער פאַלאַמענטאַרישער אַרבייט, וואָס האָט איהם אין יאָהר 1860 געפיהרט צו זיין דענקשריפט איבער דעם דייטשען פּאַרלאַמענט האָט לאַסאַל איינגעזעהען און דערזעלבער צייט, אַז מען קאָן מאַכען דייטשלאַנד אויך מיט די פירשטען. ביידע האָבען זיך געטראָפען אויף דעם פּראָבלעם וועגען עסטרייך אונגאַרן, וואו 26 מיליאָן נישט דייטשע איינוואוינער זענען געוואָרען געהאַלטען פאַר אַ שטערונג צו דער דייטשער איינהייט. יעדער פון זיך האָט געהאַט דעם זעלבען געדאַנק. לאַסאַל האָט דאָך נישט געהאַט קיין איינבליק אין ביסמאַרקס פּאָליטיק און ביסמאַרק האָט נישט געדאַרפט לייענען לאַסאַלס בראָשורען, כדי צו קומען צו אַזאַ איבערצייגונג.

גענוי ווי ביסמאַרק האָט לאַסאַל געוואָלט בעקעמפען באַפּאָלעאָנס דעספּאָטיע.

דאָס איינציגע וואָס האָט איהם איז דעם געדאַנק אונטערשיידט פון ביסמאַרק׳ן איז דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס, וועלכען עס דאַרף נאָר ער אַלס אַגיטאַטאָר און נישט דער דיפּלאָמאַט. אין טאָג ווען אַלע גלעקער האָבען אָנגעזאָגט די געבורט פון דייטשען רייך, איז אויך געווען לאַסאַל׳ס אמת׳ער יום־טוב. אַ יום־טוב ווען עס האָט זיך פערבונדען זיין גייסט מיט דער ווירקליכקייט.

ביסמאַרק האָט גערן פערזעהען דעם אָפּעקט פון דעם סטיל און געצוויגען קאָנסעקווענצען. ער האָט אויך געלייענט וואָס דער נייער פיהרער האָט געזאָגט אין די פאַר איהם טויט־פיינדליכע בעציהקס פערזאַמלונגען:

„ביסמאַרק איז בלי ספק דער פיינסטער קענער פון קאָנסטיטוציע וועזען. ער שטעהט פולשטענדיג אויפ׳ן באָרען פון מיין טעאָריע און ווייסט אויסגעצייכענט, אַז די קאָנסטיטוציע פון לאַנד בעשטעהט נישט אין בלאַט פּאַפּיר, נאָר אין די פּאַקטישע מאַכט־פערהעלטנישען. יאָ, ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אויף אַ מאַסען־פערזאַמלונג געזאָגט: די פאָרטשריטליכע קאָקעטירען מיט די פירשטען אין פראַנקפורט, כדי ביסמאַרק׳ן נמאס צו מאַכען, און ווען מיר זאָלען האָבען געוויקסעלט געוועהר־שאָסען מיט הער פאָן ביסמאַרק, וועט די גערעכטיגקייט פאָדערען מודה צו זיין: ער איז אַ גאַנצער מאַן יענע זענען אַלטע ווייבער".

נאָך איירער ביסמאַרק האָט געלייענט די דאָזיגע ליבעס־ערקלערונג, האָט ער ערהאַלטען אַזאַ טעלעגראַם פון סאָלינגען, וואו מען האָט לאַסאַל׳ן פערבאָטען אַ פערזאַמלונג. „פאָרטשריטליכער בירגערמייסטער מיט 10 בעוואָפענטע זשאַנדאַרמען פון מיר איינגערופענע פערזאַמלונג אויפגעלעזט, אומזיסט פּראָטעסטירט, מיט מיר דאָס פאָלק — 5000 מאַן — אָבגעהאַלטען פון אַרויסטרעטונגען. איך בעט שטרענגסטע און שנעלסטע סאַטיספאַקציע. לאַסאַל"

דאָס איז געווען אין דער רייכסטאָג צייט, ווייל נראה האָט ביסמאַרק מיט עטליכע טעג צוריק אַלס טריק געגען דעם פּיטשען־טאָג, געפאָדערט דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע וואַהל־רעכט. ביסמאַרק האָט די אַנקלאַגע איבערגעגעבען אויפ׳ן אינסטאַנצען־וועג און לאַסאַל איז געקומען צו איהם אין פּאַלאַץ פון רייכס־קאַנצלער, כדי זיין דאַנק אויסצודריקען. דאַן אין ווינטער 1862—1863 האָט ער ביסמאַרק׳ן בעזוכט מעהרערע מאָל, מעהרערע יאָהרען שפּעטער ווען ביסמאַרק האָט געהאַט אינטערעס אָפּצושאַפען די בעדייטונג פון דעם דאָזיגען פּאָליטישען פערקעהר, האָט ער געזאָגט אין רייכסטאַג: „וואָס לאַסאַל איז געווען, איז געווען עפּעס, וואָס האָט מיך אַלס פּריוואַט־מענש אויסערגעוועהנ־ליך צוגעצויגען. ער איז געווען איינער פון די גייסטרייכסטע און ליבענסווירדיגסטע מענשען מיט וועלכע איך האָב אַמאָל פערקעהרט, אַ מאַן וואָס איז גייסטיג אין גרויסען סטיל אונזערע אונטער־האַלטונגען האָבען אָפּט געדויערט שעה׳ן־לאַנג, און איך האָב תמיד בעדויערט, ווען זיי האָבען זיך געענדיגט...

די געשפּרעכען, וואָס עס האָבען געפיהרט די ביידע שטאַרקסטע פּאָליטיקער פון יענער תקופה, האָבען געהאַט אַלס הינטערגרונד די פראַגע: צי מוז דייטשלאַנד ווערען דינאַסטיש, אָדער צי קאָן עס פּאָלקסטימליך געאייניגט ווערען? לאַסאַל האָט דאַמאָלס געהאַלטען פאַר נישט דער־גרייכבאַר אַ דייטשע רעפּובליק. ביסמאַרק אַ רייכעם פירשטען־בונד. ביי זיך בסוד האָבען זיי געהאַלטען אָט די ביידע לעזונגען נישט פאַר אידעאַל. אָט איז אַ פראַגמענט פון זייער אַ געשפּרעך לויט לאַסאַלס ערצעהלונג, געגעבען אויטענטיש:

ביסמאַרק: פאַר וואָס זענט איהר נישט מסכים מיט דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, ווייל זי האָט דאָך ווייניג אויסזיכטען דורכצופיהרען איהרע קאַנדידאַטען? אונזערע אינטערעסען זענען דאָך געמיינשאַפטליך. איינע ... פון אייער שטאַנדפּונקט, מיר פון אונזער שטאַנדפּונקט געגען שטרעבען פון דער בורזשואַזיע צו רייסען צו זיך די הערשאַפט.

לאַסאַל: אין אויגענבליק, עקסצעלענץ קאָן עס אַזוי אויסזעהען, אָבער מיר וועלען געהען צוזאַמען בלויז אַ קורץ שטיקעל וועג כדי זיך דאַן עקשנותדיג צו בעקעמפען.

היינט און פאלג. טעג!
גרויסע עראטישע זיטען=דראמע
אונטער׳ן נאמען:
„מענער אין איהר רעבען"
אין די הויפט-ראלען:
Jean Crawford, Nils Asther, Robert Montgomery, Lewis Stone.

אנהויב אין געוו. טעג 4.30 נאכמיטאג.
שבת און זונטאג 12— א זייגער בייטאג
פערקלענערטע פרייזען פון די פלעצער.
הנחה-בילעטען גילטיג אהן בעגרענצונג.
דער זאל איז שטארק בעהייצט.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען. מענער - שוועכע. אלע ארט, אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אווענד.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

די וועבער

(פון אַ ציקל)

פון יוסף אקרוטני.

5

יונה שאמפאנער האט געמאכט א צווישענרוף:

— די פוירן זענען א באטעק פאר אונז!

מאלצניצקי ענדיקט:

— נישקאשע, דער ארבעטער און הארעפאשניק איז שוין אויספרוווט אויף אלע פייערן, אז זיי האבן זיך נישט אפגעשראקן פאר דער צארישער נאהייקע, וועלן זיי אודאי נישט מורא האבן פאר דער פאבריקאנטישער בייטש. איך וויל האפן אז די ארבעטס-געבער וועלן צו דער ריכטיקער צייט באמערק, זייער פעלן שריט און ווידערקערן די רו פאר די באלוטער הארעפאשניקעס, וועלכע פאדערן — ארבעט, אויף וואס זיי האבן פולע רעכט.

די פאבריקאנטן האבן זיך אן אויגנבליק געסודלט און איינער האט ענדלעך גערעדט א פאר ווערטער — צוריקגעהאלטן, מיט אנשטעל, אז דער ענין פון פאבריצירן אין הייניקע שווערע צייטן איז פאר זיי גאר איבעריק. נישט מער, מ׳קאן דאך נישט זיצן אינגאנצן ליידיק, טוט מען לשם טון.

— יא, געוויס, — האט דער פאבריקאנטישער האלז זיך נישט ווי-געטון, נישט געהיצט זיך — וויר בראוכן ניכט דען גאנצן טאראראם, מיט די קאפף-שמערצען, מיט די שטויערן. בלאס אוס געוואנהייט ארבייט מאן! די הערן ארבייטס-נעמער פערשטעהען גארניכט דען הויטיגען קריזיס. ווירקליך, עס איז אלגעמיין איינע גנאדע, אלס איין אינדוסטריעלער וואלטע זאגאר הויטע זיך איינשמוצען. יא, זאגע און שרייבע, עס לאנט ניכט, ווירר טוען דאס בלאז פיר דאס ארמע פאלק. וואלן זי, מיינע פריינדע, שליסן וויר גענצליך די געשעפטע, און גענוג.

און ער זעצט זיך פאוואליע אוועק.

שטעלט זיך אויף טעוול מאלעניצקי.

— אלזא, זאגט ער, די פאבריקאנטן טוען צדקה דערמיט, וואס זיי ארבעטן בכלל, אבער וואס זאגט איר צו אונזער פאדערונג צוגעבן באלוט די ארבעט, וואס געהערט איר, און איר שיקט זיי אין שטעטלעך און דערפער אריין?

— נו, נו! ארבייטען זי אוך אויף דיזע בעדינגונגען. די מאדערנע ווי־טשאפט ריכטעט זיך נאך דען פרינציפ פאן פרייע קאנקורענציאן! — כאפט זיך אויף אביסל צעקאכט דער פאבריקאנטישער ראש-המדברים מיט זיין יידיש-שפרעכן.

— ניין! איר וועט דאס נישט דערגרייכן! — שרייט די וועבערישע דעלעגאציע.

— ניין! ברומט עס מיט צארן.

די פאבריקאנטן קלויבן זיך אוועקצוגיין, דער פרעזעס פון דער דעמאקראטישער געזעלשאפט, וועלכער פירט די קאנפערענץ, אינטערוועניר̇ט גאך:

אפשר וועט איהר פארט קומען צו א פערשטענדיקונג?

די פאבריקאנטן שווייגן און טרייסלען אומפערשטענדלעך מיט די קעפ.

הויבט זיך אויף פון זיין זיץ דער פארשטייער פון סאציאליסטן און דערקלערט:

— מיר זענען געקומען רעדן מיט די פאבריקאנטן מענטשלעך, קולטורעל, אבער זייער ענטפער איז קאמיש, מקאן זאגן — לעכערלעך. זיי טוען גאר א טובה די ארבעטס-מענטשן, וואס זיי האלטן אויף זייערע אונטערנעמונגען. איר, פאבריקאנטן, מעגט די ארבעטער אויך „מאכן א מענטליך", למאי איר עסט, אלמאי איר לעבט בכלל, ווארום אויף אייערע פלייצעס האלט איר דאך אויס די ארימעלייט! אייער שאקלען מיטן קאפ פערשטייען מיר ווי אן אפזאג נאכצוקימען די פאדערונג פון געבן די פאראנענע ארבעט די ארבעטס-בארעכטיקטע. איר באנוצט זיך מיט לוין-דריקער, כדי צו שאפן נאך גרעסערע לוין-דריקער. איר ווארפט די הענטשקע די אין מאסן, וואס זענען פערביטערט. זיי וועלן געוויס אויפנעמען דעם קאמף. מיר, סאציאליסטן, האלטן פאר נייטיק אייך צו ווארענען, איר זאלט זיך רעכענען מיט דער דאזיקער מאסע. פאר׳ן אויסברוך פון צארן קאן קיינער נישט זיין פערענטוואָרטלעך, א חוץ איר. באלוט שווייגט נישט מעהר.

נאך איידער די קאנפערענץ האט זיך פארענדיקט, האט מען אויף באלוט שוין געוווסט, אז די פאבריקאנטן זענען הארט ווי קיזל-שטיין, האבן דערייבער אין דער מחנה זיך געוועקט די לאנגאניקע נישט-געשטילטע ווייטיקן. און ס׳האט געגומען יורן מיט רויער רציחה, פשוט צו גיין שלאגן, בלוט לאזן די חוצפה׳דיקע לייט. די פערזאמלונג, וועלכע איז נאך דעמזעלביקן טאג פארגעקומען, האט געצוימט דעם שוימיקן כעס.

צומארגנס זענען פיר פארשוין, וועבערס קלוגע און ענערגישע, ארויסגעפארן אין די שטעטלעך און דערפער, וואס ארבעטן פאר לאדזש. ווי די פארצייטישע מרגלים זענען זיי, די פיר יידן — דריי טוכענע שווארצע היטעלעך און בערדיקע פנים׳ער און איין בלאס „קאפעלושל" ארומגעקראכן אין בלאטיקע אומבאקאנטע מקומות, אויף ליימיקע שטעקעס, געקניפט א שטיקל טרוקן ברויט פון טאש ארויס און דערווישט אלע שפורן פון דער פארשוועררונג קעגן באלוט. זיי האבן אויך אויסגעשפירט ווער עס זענען די ליווערא̇נטן, ווען מ׳פירט אין די דערפער אריין די קעטעס פון לאדזש און ווען די סחורה ווערט א פארטיקע געליווערט קיין לאדזש.

דער באריכט פון די פיר איז געווען באפרידיקנדיק; די אקציע, וואס איז פון די וועבערס באשלאסן געווארן, האט מען באלד ארגאניזירט.

הונדערט וועבער: יידן קאפאטניקעס, בערד און שטיוול — קאפעלושלעך איינצלנע — זענען געשטעלט געווארן אין דער ערשטער שלאכט.

באוואפנט מיט גרויסע שניידערשע שערן, שפיציקע מעסערס, רימערישע קאנטיקע אלן אין די טאשן און גראבע שטעקנס אין די הענט — אפשר וועט מע דאס אויך ברויכן! — האבן די 100 יידן, די שטילע, די רויקע, וואס ווייסן נישט מער ווי פון די שמאלע געסלעך און מיט „ווילקע" ענדיקט זיך די וועלט זייערע, — אין א דאנערשטיק נאכמיטיק (אינדרויס האט שוין געטונקלט, ס׳האט געשמעקט מיט שניי) געלאזט זיך צוואָרפענערהייט, ווי אין א שפאציר, אויף די טראטוארן צופוס אויפן קאנסטאנטינער שאסיי אפצוווארטן די באנערטע וועגענער מיט פארטיקע סחורה, וואס ווערט געליווערט קיין לאדזש.

ארויס-שטאט האט די מחנה ענגער זיך צונויפגענומען געוואָרט ווילן געשמידט מיט פעסטקייט אויף איין ארט און געשטארקט זיך איינאנדער.

— צעשניידן!

— צעטרייבן!

— אויסטונקען אין בלאטע!

— צוימן אין אפרעטור אריין!

— שמאטעס פאר דער רייסעריי זאלן זיי ווייב —

אין לאדזש האט מע גערעדט וועגן א שטרייק פון די באלוטער וועבער. סאציאליסטן האבן געשאפן א שטרייק-פאנד.

(ס ו ף).

די יודען אין דייטשלאנד

(איינדריסקען פון א רייזע)

פון דר. אברהם לעקיך.

מאדנע געפיהלען לעבט איבער דער יוד, וואס כאפט זיך איצט אריין אויף עטליכע טעג קיין דייטשלאנד. מען געהט אין גאס און מען גלויבט נישט די אייגענע אויגען. מען טרויט נישט זיך אליין. איז דאס דאס זעלבע דייטשלאנד, איז דאס דאס זעלבע בערלין, וואו דו ביזט צעהנדליגער מאל אין דיין לעבען געקומען מיט'ן בעוואוסטזיין פון א פרייען מענש אין א פרייער מדינה, וואו דער שוצמאן אין גאס איז געווען העפליך ביז גאר און יעדער אנטקעגנקומענדיגער, איז געווען גרייט דיך צו בעדינען און דיך אויפצונעהמען ווי א גוטען גאסט.

אין דאס, דאס זעלבע בערלין?

דו געהסט אין גאס, אויגען קוקען אויף דיר מיט געהיימנישפולע בליקען, דו געהסט און דו שטעלסט אונזיכער דיין טראט, ווי ס'איז אמאל געגאנגען אין שרעק דער יודישער סוחר איבער די גאסען פון פעטערבורג, ווען א ליאדע מינוט האט זיך געקענט צושטעלען צו איהם עפעס א סטראזשניק, אדער א זשאנדארם און איהם שלעפען אין „אוטשאסטאק", ווייל זיינע פאפירען זענען איהם געווען פערדעכטיג און ער האט נישט געגלויבט אין זיין „פראוואושיטעלסטווא".

עס איז שרעקליך פאר א יוד, וואס איז געוואוינט געווען אפט צו קומען קיין בערלין — היינט ווידער איינצופאלען אין דאזיגען זודיגען קעסעל, וואו די היטלער־לייט, בערוישט פון נצחון, האבען פערוואנדעלט די גאס אין זייער היים און יעדער דורכגעהער ווערט געשמיסען פון זייערע בייזע בליקען ווי מיט בייטשען, אויב ער טראגט נאר אויף זיין פנים דעם סימן פון א יוד.

דאס דייטשלאנד פון געטע, בעטהאווען, ניר־לער, ראטענאו און איינשטיין האט טיף אראפגעבויגט דעם קאפ פאר היטלערן און זיין מחנה און געהיימליך און טרויעריג צו טראכטען, ווי א גרויס קולטור־פאלק איז בעהערשט פון א מחנה הפקר־יונגען, וואס שטעלען די רוהע קראפט פאר מאראל און קולטור.

מען מוז אבער פעסטשטעלען, אז אין פער־גלייך מיט דער שטימונג אין גאס אין די ערשטע טעג פון היטלערס נצחון, הויבט איצט אן צו ווערען רוהיגער, דאס לעבען ווערט נארמאל. אמת, ווען מען געהט דורך אין צענטער שטאט אויפ'ן קורפירסטענדאם למשל, קען מען נאך הייבט אויך זעהן, ווי עס שטעהען א דריי, פיר האקענקרייצלער ביי דער טיר פון גרויסען יודישען וואנהויז „קאדעוועע" מיט א טראנספארענט: „טיק אונטער־נעהמער רוישע פעסט", אדער „דייטשען קויפט נישט ביי יודען" און ארום די פאר היטלעריסטען מיט'ן טראנספאראנט קלייבט זיך צונויף א המון מענשען, וואס וואקסט מסדר. די לאגע קען ווערען געפעהרליך, נאר אט זעהט מען ווי עס קומט די „איבערפאל־קאמאנדע", און דו ביסט זיכער, אז זי וועט מאכען א סוף צום עקעלהאפ־טען שפיל. אבער עס הויבט זיך נישט אן. די „איבערפאל־קאמאנדע" שטעלט פעסט, אז דא איז רו־היג, פרידליך, אז דא טוט מען קיינעם קיין בייז און זי פאהרט אוועק ווייטער, בעת, ווען אינגעוועג־דיגער דעמאנסטרירטער יודישער דירעקטאר, קוקט אויס אויף פדיון און עס האקט ביי איהם א צאהן אין א צאהן, עס זאל זיך בלויז ענ־דיגען מיט'ן בלויזען טראנספארענט... יא, אזוינע זעהט מען אין בערלין אויף טריט און שריט.

אט שטעהט א מחנה היטלעריסטען ביים אמע־ריקאנער געשעפט פון איינהייטליכע פרייזען, „וואל־ווארטס" און בעגעגענט יעדען אויסגעהעדען קונה מיט א „פוי" קויפט נישט ביים אמעריקאנער יודען" א. ד. גל. עס איז נאך א פראגע, צי דאס געשעפט געהערט טאקע צו יודען, אבער דערווייל ברענגען די היטלעריסטען שאדען.

עס איז אמת, אז די גרויסע וואארען־הייזער ווי טיץ, ווערטהיים און אנד. האבען איצט מנוחה און מען טשעפעט זיי דערווייל מעהר נישט. אבער דאס איז צו פערדאנקען די ענערגישע שטעלונג פון טיצ'ן און ווערטהיימען זעלבסט, וואס האבען טעלעפאניש מיטגעטיילט דעם אינערן־מיניסטער־יום, אז אויב די היטלעריסטען וועלען נישט אפ־שטעלען די ווילדע העצע ארום זייערע וואארען־הייזער, וועלען זיי די געשעפטען פערמאכען און טויזענדער אנגעשטעלטע וועלען בלייבען אויפ'ן גאס. דער אינערן־מיניסטער האט זיך א פנים דערשראקען פאר דער דראהונג און חברה האט בעקומען א בעפעהל מעהר נישט טשעפען די וואארענהייזער.

עס קומען אויך נאך ווייטער פאר ארעסטען פון יודישע כלל־טוער, דאקטוירים, אדוואקאטען און געלעהרטע, וואס ווערען בעאומרוהיגט פון זייער שלאף פארטאגס און ווערען געשלעפט אין די פא־ליצייזירקלען, וואו מען פערשווארצט זיי די יאה־רען. אבער פארט מוז מען מודה זיין, אז עס ווערט ביסלעכווייז שטילער, כאטש דער עקאנאמישער באי־קאט געגען יודען ווערט ווייטער געפיהרט אויף א מעהר רוהיגען, אבער סיסטעמאטישען אופן.

מען מוז אבער גלויבען, אז די רעגירונג וועט סוף־כל־סוף מוזען האמעווען די ווילדע העצע, וואס רואינירט דייטשלאנד ווירטשאפטליך.

די פאלגען פון דער ווילדער אנטיסעמיטישער באיקאט־העצע האבען זיך היי־יאהר שטארק גע־לאזט פיהלען אויף דער לייפציגער מעסע, וואו עס זענען געקומען פיל וועניגער סוחרים, ווי אין אנ־דערע יאהרען און עס זענען אויסגעשטעלט געווא־רען א סך וועניגער עקספאנאטען, ווייל די אויס־לענדישע יודען האבען זיך אפגעהאלטען צו קו־מען צו דער מעסע.

דערווייל הערשט ביי די דייטשע יודען זעהר א געדריקטע שטימונג. עס איז אמת, אז ווער עס קען, אנטלויפט איצט פון דייטשלאנד, דאס שוי־דערליכע בילד, ווי אזוי מען האט ארויסגעטריבען דעם גרויסען יודישען געלעהרטען פראפעסאר זאנ־דעק פון שפיטאל, ווירקט אויף די געמיטער פון די דייטשע יודען ווי אן אפשרעקענדיג געשפענסט, ווי א בייזע ווארנונג. דאס דאזיגע געשפענסט פיהלט מען אויף טריט און שריט און עס איז ווייט מעגליך אויפ'ן האריץ, ווען מען שפאצירט איבער די גאסען פון בערלין און מען דערקאנט זיי נישט. די זעלבע הייזער, די זעלבע שיינע בנינים, אפשר אויך די זעלבע מענשען נאר דער האקענקרייץ יאגט אן א מורא.

דערווייל אבער איז דעם דייטשען יודען שלעכט. ער האט זיך נישט פאר וועמען צו בע־קלאגען, ביי וועמען צו פאדערן רעכט. אויב דער פוילישער יוד קען למשל געהן אין פוילישען קאנ־סולאט און פראטעסטירען געגען די עוולות, וואס מ'איז געגען איהם בעגאנגען, איז דער דייטשער יוד הילפלאז און ווי אמאל אין צארישען רוס־לאנד קרעכצען איצט די דייטשע יודען און רו־פען: „מאין יבוא עזרי?"

בריף פון ארץ־ישראל

רעגירונגס קאמיסיעס פאר עקאנאמישע ענינים. — חיפה'ס צוקונפט. — ארום דער פראגע פון עבר־הירדן

(פון אונזער קארעספאנדענט)

אויפ'ן פערלאנג פון נציב העליון זענען גע־גרינדעט געווארען קאמיסיעס פון יודען און אראבער ביי די פערשידענע רעגירונגס — דעפארטא־מענטען, כדי צו בעהאנדלען פערשידענע עקאנא־מישע פראגען פון לאנד.

מיט דער גרינדונג פון די דאזיגע קאמיסיעס איז מען געווען בדעה: 1) זיך צו בעראטען מיט דער געזעלשאפטליכער מיינונג; 2) צו געווינען די געזעלשאפט פאר דער פראקטישער שטאטליכער ארבייט. אבער טראץ דער גוטער כונה פון'ם נציב האבען זיך די קאמיסיעס נישט שטענדיג איינגע־געבען. די אראבישע פאליטישע פיהרער האבען זיך באלד ארומגעקוקט און מורא געהאט, מען זאל נישט חלילה מיינען, אז עס איז מעגליך א בשותפות'־דיגע ארבייט צווישען אראבער און יודען — און דערפאר האבען זיי דימיסיאנירט פון געוויסע קא־מיסיעס. מיט א לייכט הארץ האבען זיי פערציכטעט אויפ'ן נוצען, וואס זייער בעטייליגונג וואלט גע־קאנט ברענגען דער אראבישער געזעלשאפט, כדי זייער הער־פאליטיק זאל ווייטער האבען פון וואנען צו שעפען איהר חיונה.

פערהאן אבער א וויכטיגע קאמיסיע, פאר האנ־דעל און אינדוסטריע, וואו עס זיצען צוזאמען מיט יודען אויך אראבער — פערשטעהט זיך, נישט פאלי־טיקער, נאר טאקע סוחרים און אינדוסטריעלער וואס די בעהאנדעלטע פראגען זענען נוגע אויך זיי גופא. האט מען טאקע אוועקגעלעגט די פאליטיק אין דער זייט, און די אראבישע מיטגלידער זענען געבליבען אויף זייער פלאץ. די קאמיסיע פאר האנדעל און אינדוסטריע האט פארגעזעצט איהר ארבייט, פאר וועלכער דער נציב האט איהר אויף א ספעציעלער פערזאמלונג אויסגעדריקט זיין אנערקענונג און צופרידענהייט.

די רעגירונג ווי אויך די דערמאנטע קאמיסיע קאנען זיין צופרידען מיט זייער ארבייט — אבער נאר א דאנק דער יודישער ארבייטס־ענערגיע און די גרויסע געלד־מיטלען, וואס די יודען ברענגען אריין אין לאנד, איז דערמעגליכט געווארען דער איצטיגער אויפשטייג. ווי מ'גיט איבער פון א גוט אינפארמירטער קוועלע, זענען אין יאהר 1932 אינ־וועסטירט געווארען אין ארץ־ישראל בערך 5 מיל־יאן פונט פון פריוואטען און נאציאנאלען קאפיטאל. פערשטעהט זיך, אז אויפ'ן דאזיגען יסוד קאן די רעגירונגס־אבטיילונג פאר האנדעל און אינדוסטריע צופרידען זיין מיט דער ארבייט.

די יודישע אינדוסטריע איז געוואקסען, און עס שאפען זיך אויך היינט נייע אונטערנעהמונגען. עס זענען בעשעפטיגט אין דער יודישער אינדוסטריע ביי 12 טויזענד ארבייטער. ליידער בעגעגענען מיר אויך דא די גוט בעקאנטע ערשיינונג: דער פריוואַ־טער קאפיטאל איז נישט פיאנעריש, נאר ער געהט די שוין פריהער אויסגעטראטענע וועגען.

* * *

שוין פון לאנג האבען גרויסע עקאנאמיקער און פאליטיקער פאראויס געזעהען א זעהר גינסטי־גע עקאנאמישע ענטוויקלונג פון חיפה. די נביאות ווערט איצט מקויים. אין חיפה ווערט געבויט א פארט, וואס האט נישט זיין גלייכען אין אריענט. די גרויסע באפט־געזעלשאפטען בויען אין חיפה זייערע צענטערס, וואוהין עס וועט פליסען די נאפט פון מעסאפאטאמיע. דאך איז די יודישע עליה, און בעזונדערס די קאפיטאליסטישע, פער־העלטניס־מעסיג נישט קיין גרויסע. אין 1925 האט חיפה געהאט א בעפעלקערונג פון 25 טויזענד איינוואוינער, בתוכם 25 פראצענט יודען; היינט איז די בעפעלקערונג דאפעלט אזוי גרויס און דערגרייכט 50 טויזענד נפשות, אבער בתוכם נאר 32 פראצענט יודען. די יודישע עליה קיין חיפה האט זיך נישט אזוי פערשטארקט, ווי מען וואלט געקאנט האפען.

די חלוצישע ראל פאר דער ענטוויקלונג פון דער צוקונפטיגער האנדעלס־שטאט האט ווידער א־מאל דורכגעפיהרט דער נאציאנאלער קאפיטאל, וואס שלאגט דורך אויך דא דעם וועג פאר דער פריוואַ־טער איניציאטיווע. א דאנק דעם קרן קימת הא־בען מיר אין אונזער בארען די חיפה־בוכטע, ארום וועלכער עס קאנצענטרירען זיך שוין איצט גרויסע אונטערנעהמונגען, למשל, די נאפט־געזעלשאפטען, וואס בויען דא זייערע מאגאזינען און ראפינעריען, דער שאסיי, וואס די רעגירונג האט געבויט פון חיפה קיין עכו, געהט דורך דער גאנצער לענג פון קרן קימת בארען, וואס ציהט זיך עטליכע קי־לאמעטער. דער קרן קימת האט אויף זיין בארען דורכגעפיהרט דרענאזש־ארבייטען און אויסגעצאר־קענט די זומפען, אזוי אז דער בארען איז צוגעגרייט געווארען פאר קאלאניזאציע. עס איז שוין אויפגע־בויט געווארען אן ארבייטער וואוין־קווארטאל מיט 200 גוט־איינגעארדנטע הייזער, און נאך 200 וועלען זיך בויען אין דער נאהענטער צוקונפט.

* * *

אז די פאליטיק מוז זיך בויגען פאר ממשות'־דיגע אינטערעסען — בעווייזט דער איצט אקטועל געווארענער ענין פון עבר־הירדן.

וויכטיג איז זיך אפצושטעלען אויף דער סיבה, וואס האט געבראכט, פריהער די שייך'ן און איצט דעם עמיר אליין, אנבאטען יודען זייער בארען.

די סיבה איז, וואס עבר־הירדן שטעהט כמעט פאר א פולשטענדיגער רואין. עס הונגער'ן די שייך'ן, עס הונגער'ן די פאלאחן, עס הונגער'ן די בעדוי־אינער, די שטאט האט נישט די נויטיגע בעדערפ־נישען. אין דער זעלבער צייט זעהען די שייך'ן, עס זעהט אויך דער עמיר, אז דאס שכנות'דיגע ארץ ישראל בליהט, עס וואקסט די בעפעלקערונג, עס מעהרען זיך די עקאנאמישע און קולטורעלע ווער־טען, און בעת אין עבר הירדן האט דער איינוואוי־נער נישט קיין ברויט, לעבט דער אראבער אין ארץ־ישראל אין רוחה און רחבות. דערפאר האבען די זיך געשטעלט די פראגע „מה נשתנה" — פאר וואס איז ארץ־ישראל אנדער'ש ווי עבר־הירדן?

נאך מעהר: אין ארץ־ישראל איז אויך פער־האן אנ'אונטערשיד. פערהאן רייכע און ארימע. אבער עס ווייזט זיך ארויס, אז דארט וואו יודען הא־בען זיך קאלאניזירט, לעבט עס אויך ביי די אראבער גוט, אבער דארט וואו עס איז נישטא קיין יודען, איז די גאנצע סביבה ארים. די פאר־שטעהער פון עבר־הירדן זענען טאקע געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די צוקונפט פון זייער לאנד פאדערט צו עפענען זיינע טויערען פאר יודען.

איש ירושלים.

ר. איזראעל

משפחות אין פלאמען

סענסאציאנעלער ראמאן פון יודישען פאמיליען־לעבען

(129

— פערשטעהט זיך, אז מיר זענען שטארק פעראינטערעסירט אין דעם, אדרבא, דערצעהלט אונז, וואס האט אייך געבראכט דערצו, אז איהר זאלט זיך אזוי שטארק פערנעהמען מיט אונזערע פערזאנען.

דער פערוואונדעטער איז שוין אינגאנצען גע־קומען צו זיך, זעהט אויס, אז די גאנצע פאסירונג האט ער געהאלטען נאר פארא פעראיבערגעהענ־דען אינצידענט, ער האט זיך נישט פיל געמאכט דערפון, אזוי ווי איינער וואס וואלט געהאלטען, אז אזעלכע קענען און דארפען אפט פאסירען. ער האט שוין אפילו אויפגעהויבען עפעס דעם קאפ, הגם ער האט נאך געפיהלט א שטארקען ווערטאג.

— נו, גוט איך וועל אייך דערצעהלען, אר־בער נישט אלץ, איך האב געוויסע פערפליכטונגען געגען א פערזאן, וועמענס נאמען איך וועל נישט קענען אויסגעבען.

— איך שטויס מיך אן ווער דאס איז... האט מרים געזאגט.

— ניין, איהר קענט אפילו נישט טראכטען, ווער דאס איז, ווייל ווי איך ווייס, קענט איהר די דאזיגע פערזאן נישט. קיינער קען זי נישט, איך אליין קען זי נאר פון דעם, וואס איך האב מיט איהר עטליכע מאל גערעדט און בעקומען פון איהר אויפטראגען, וואס איך האב צו טון.

— ווער איז דאס? האט דויד בייגיריג געפרעגט.

— דאס איז א פערזאן נישט פון מיין ספערען און אפילו נישט פון אייערע. דאס איז א גרויסע דאמע, נישט פון דאנען, פון אויסלאנד, זעהט אויס פון זעהר ווייט.

— אבער גוט, וואס האט די געהיימנישפולע דאמע צו טון מיט אייער אהערקומען.

— אט דאס וויל איך אייך טאקע דערצעהלען, דאס איז דאך די גאנצע געשיכטע.

— אלזא, האט דער פערוואונדעטער אנגע־הויבען צו דערצעהלען, איך א שיינעם טאג איז צו מיר און צו מיינס א חבר בעקומען אט די דא־זיגע שיינע און עלעגאנטע דאמע, וועגען וועל־כער איך האב אייך דערצעהלט, און אונז פאר־געלעגט א קליין געשעפט, ביי וועלכען מיר קענען גוט פערדינען, איצט מוזט איהר זיך פארשטעלען, אז איך געהער צו די מענשען, וועלכער נעהמט שטענדיג אן א לייכט פערדינסט און בין געוואוינט, אז ס'זאלען צו מיר קומען מענשען פון דער גע־זעלשאפט און זיך וועלען אויסהעלפען מיט מיר, ביי וועלכען ס'איז ענין.

דויד מיט מרימ'ען האבען זיך איבערגעקוקט, זיי האבען פערשטאנען צו וואס פארא קאטעגאריע מענשען דער פערוואונדעטער קען געהערען, זיי האבען אבער גארנישט גערעדט, וואַרטענדיג אויף דער פארטזעצונג פון זיין דערצעהלונג.

דער פערוואונדעטער האט ווייטער דערצעהלט מיט שפאנונג, אזוי ווי ער וואלט אימיצען אויס־געזאגט עפעס א סענסאציאנעלען סוד.

— איך זאג דאך אייך, אז איך בין געוואוינט דערצו, אז מען זאל קומען צו מיר און מיר איבערגעבען פערשידענע נישט־כשר'ע שליחות'ן, ביי וועלכע איך קען עפעס פערדינען, זאבער אזא געשעפט, ווי אט די דאמע האט מיר און מיינעם א חבר פארגעלעגט, האב איך נאך אין מיין גאנ־צער פראקטיק נישט געהאט, די גאנצע ארבייט, וואס זי האט אונז איבערגעגעבען איז בעשטא־נען דערין, וואס מיר האבען געדארפט נאכקוקען יעדען שריט...

— פון וועמען, האט דויד שבעל געפרעגט.

— שטעלט זיך פאר, אז פון אייך און פון דעם פרייליין, וואס דא שטעהט.

דערביי האט דער פערוואונדעטער געמאכט א געהיימנישפולע מינע, זאגענדיג דאס ווארט פריי־ליין און קוקענדיג אויף מרים'ס לייב.

מרים האט זיך שטארק פערשעהמט, אבער דאס געפיהל איז גלייך דערשטיקט געווארען דורך דעם געפיהל פון נייגיריגקייט.

— יא, נישט מעהר צו טון ווי אייך נאכ־צוקוקען, יעדען שריט און זיך בעמיהען, אז אייך זאל גארנישט קענען געשעהען, ווייל ווי די דאמע האט מיר און מיין חבר געזאגט, קענט איהר ביידע אויסגעשטעלט אויף א גרויסע געפאהר, פון וואנען און פון וועמען? האב איך אליין נישט געוואוסט. און שטעלט זיך פאר, אז פאר דער דא־זיגע נישטיגע ארבייט אהן שום ריזיקא האבען מיר בעקומען אזויפיל געלד, ווען וועלכען מיר האבען קיינמאל נישט געחלומ'ט אפילו.

דויד מיט מרימ'ען זענען געווען באמת איבער־ראשט. זיי האבען גארנישט פערשטאנען, וואס ס'־קומט פאר, ווער האט דאס אזא אינטערעס זיך בעקי־מערן פאר זיי ביידע און צוליב וואס טוט דאס די דאזיגע דאמע, וועגען וועלכען דער אונבע־קאנטער האט דערצעהלט.

— איך האב אבער געהאט א ביטער'ן טעות, האט דער פערוואונדעטער טיף אפגעזיפצט, איך האב גארנישט פארגעזעהען מיט וואס פאר א גרויסע ריזיקא, מכלומרשט דאס לייכטע געשעפט איז גע־ווען פערבונדען. איך האב זיך באלד דער'זען איבער־צייגט. איינמאל, זענען מיר — איך און מיין חבר — געשטאנען אויף דער וואך פאר דעם הויז, וואו ס'וואוינט דאס פרייליין אין דער שטאט און מיר האבען געהיטען, ווען מיר האבען מיר אליין נישט געוואוסט. מיר האבען דאך געמוזט היטען, מיר האבען דאך דערפאר בעקומען גוט בעצאהלט און מיר האבען געוואלט געוויסענהאפט אויספיהרען אונ־זער ארבייט. אינדרויסען איז געווען קאלט, מיר זענען שיער נישט געפרויר'ן געווארען. מיר הא־בען אבער די וואך נישט איבערגעלאזען, מיר האבען ווייטער געהיטען. פלוצלונג האבען מיר בע־מערקט, ווי עפעס א פענטאק, ענטשולדיגט מיר פארן אויסדרוק, שלייכט זיך עפעס אריין אין דעם הויז, וואו איהר האט געוואוינט. אונז איז די מעשה באלד פארגעקומען פערדעכטיג און מיין חבר איז נאכגעגאנגען דעם פענטאק און געוואלט זעהען, וואוהין ער געהט און באלד האט ער זיך איבער־צייגט, אז ער קלאפט אן אין אייער טיר. ער איז צוריקגעקומען און דאס מיר געזאגט, מיר האבען נאך געווארט עטליכע מינוטען און דאן האט מיין חבר בעשלאסען, אז ער וועט מעהר נישט ווארטען און וועט אריינגעהען זעהען, וואס דארט טוט זיך, ער איז געגאנגען, וואס דארט איז ביי אייך פארגעקומען, ווייסט איהר בעסער פון מיר, ווייל, איך בין געשטאנען אויפ'ן גאס און אונ־געדולד געווארט אויפ'ן צוריקקומען פון מיין חבר. און ווען איך האב געזעהען, אז ער קומט אזוי שנעל נישט צוריק, האב איך זיך דערמאלט, ווי איהר געדענקט אריינגעריסען זיך אין אייער וואוי־נונג.

— לידער, אבסאל צו שפעט, האט מרים געזאגט.

— יא, צו שפעט, איך האב שוין מיין חבר געטראפען א טויטען, א טייער'ער חבר געווען, בבאמנות, נאך אזא איינער איז נישט פארהאן.

(פארטזעצונג קומט).

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער רעבעז

נייער פאלקסבלאט

זונטאג 26 כה אדר תרצ"ג

מערץ

זון-אויפגאנג 5.30
זון-אונטערגאנג 5.56

פון דער קהלה

ווי מיר האבען שוין די פערגאנגענע וואך מיטגעטיילט, ווערט היינט פערענדיגט אין דער קהלה די מאסען-רעגיסטראציע צו דער הײ יאהריגער פסח-אקציע. כמעט אלע בתי תפלות און פער-איינען האבען שוין אפגענומען דעם נויטיגען רע-גיסטראציע-מאטעריאל און זייט א וואך מאכען זײ פערטיג די רשימות. א גרויסער טייל פון זיי האט שוין אפילו צוריקגעשיקט די רשימות אין דער קהלה.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווערט אויפמערק-זאם געמאכט, אז היינט דארף אבגעגעבען ווערען דאס גאנצע רעגיסטראציע-מאטעריאל אין דער קהלה. די יעניגע, וועלכע האבען דאס מאטעריאל צוליב פערשידענע סיבות נישט בעקומען פון דער קהלה, דארפען זיך מעלדען וועגען דעם אין די פריהמאר-גען-שעהן. די קהלה וועט היינט טעטיג זיין צוליב דעם א גאנצען טאג ביז 8 אווענד, מיטן אויס-נאהם פון די שעהן פון 3 ביז 5 נאכמ.

דערשאסען א גנב

בעת ער האט מיט נאך צווי „בעאר-בייט" א געשעפט

(2) עהערגעכטען ביידערנאכט האט א פאלי-ציי-פאטראל אנגעטראפען אויף 3 גנבים-איינברע-כער, וועלכע האבען זיך געפרובט אויסצולײדיגען דאס געשעפט פון משה לענטשנער (לאגעווניצקא 70).

מען האט זיך גענומען יאגען די חברה און בעת מעשה איז דערשאסען געווארען אויף טויט איינער פון דעם „דרילינג", דער 52-יאהריגער יוזעף וואיטשאק-יאיטשיאק (וולאטשטשיאנסקי 83), וועלכער האט שוין געהאט א סך פראצעסען פאר גנבות, און איז לעצטענס אפגעזעסען אנ'אורטייל — 5 יאהר תפיסה.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: מ. קאצפער-קעוויטש (זגערזשער 54), י. סיטקיעוויטש, (קאפער-ניקא 26), י. זונדעלעוויטש (פיעטריקאווער 25), וו. סאקאלעוויטש און שאט (פשעיאזד 19), מ. לי-פיעק (פיעטריקאווער 193), ריכטער און לאבאדא (11 ליסטאפאדא 86).

די סיטואציע אין טעקסטיל-שטרייק

די פערא־יינען גרייטען זיך צו פערברייטערען די אקציע

(2) די שטרייק-סיטואציע איז לעת עתה נישט געענדערט.

מצד די פאבריקאנטען זענען דערוויל נישט געמאכט געווארען קיין פרובען צו ליקווידירען דעם שטרייק.

אזוי ווי די פאבריקאנטען האבען נישט בדעה צו גיין אויף ווייטערדיגע הנחות, האט אויך דער ארבייטס - אינספעקטאר דערוויל רעזיגנירט פון צונויפרופען א נייע געמיינזאמע קאנפערענץ.

די שטימונג ביי די שטרייקענדע איז א מוב-טערע און א פעסטע, און עס זענען נישט געמאכט געווארען קיין נייע פרובען צו ברעכען דעם שטרייק.

אויף די בעכטיגע און עהערנעכטיגע בערא-טונגען אין די פראפעסיאנעלע פעראייבען איז בע-שלאסען געווארען צו מאכען די נויטיגע הכנות אויף אדורכצופיהרען דעם גענעראל-שטרייק אין לאדז און אויף דער פראווינץ. וועגען דעם טער-מין איז נישט גערעדט געווארען.

אין רעזולטאט פון מייבונגס-אויסטוישען איז באר בעשלאסען געווארען, אז אויב אין די נאהענט-סטע טעג וועט נישט פארקומען קיין שום ענדערונג אין דער שטעלונג פון די פאבריקאנטען בנוגע ליק-ווידירען דעם שטרייק, און איינגיין אויף ווייטער-דיגע הנחות — וועט דער שטרייק, וואהרשיינליך, פראקלאמירט ווערען אויפ'ן קומענדיגען מיטוואך אדער דאנערשטאג.

* * *

(2) נעכטען האבען אין דער שטאט קורסירט קלאנגען, אז דער קרייז-ארבייטס - אינספעקטאר, ה' וואיטקיעוויטש, האט אויף מאנטאג צונויפגע-רופען א קאנפערענץ פון ביידע צדדים.

ווי מיר דערוויסען זיך — ווייסט דער ארבייטס איינספעקטאר דערפון גארנישט צו זאגען: נישט ער האט בעקומען אינסטרוקציעס וועגען דעם פון מי-ניסטעריום פאר געזעלשאפטליכער שוץ, און נישט די פאבריקאנטען האבען זיך צו איהם וועגען דעם געווענדט.

בראנפען אנשטאט ברויט...

(א) אויף דעם לעצטהאנד-פלאץ און אויפ'ן רויטען מארק ביי זשגאיער גאס זענען געטען אבסערווירט געווארען עטליכע פאלען, ווען אר-בייטער האבען פערקויפט זייערע שפיזן-טאלאנען וואס זיי האבען בעקומען פונ'ם קאמיטעט צו העל-פען די שטרייקענדע — און פאר'ן „אפגעלייזטען" געלד זיך געקויפט בראנפען...

אין עטליכע פאלען האבען די שטרייקענדע ארבייטער אליין געלערנט שכל און בלק מיט זייערע אומפעראנטווארטליכע חברים.

* * *

(א) אין משך פון 3 טעג, האט דער בירגער-קאמיטעט פונאנדערגעטיילט 42 טויזענד טאלאנען אויף שפייז און דעם ווערט פון 135 טויזענד זל. דער קאמיטעט האט באה צו זיין דיספאזיציע 130 טויזענד זל. און ער האט ארויסגעגעבען נאך אנ'אויפרוף צו דער געזעלשאפט.

פאטאלע פאלגען פון טעקסטיל-שטרייק

אויף דער קאמגארן-אינדוסטריע

(אג) צוליב דעם וואס דער טעקסטיל-שטרייק פערשלעפט זיך, האט זיך די לאגע אויף דעם מארק פון קאמגארן-גארן לעצטענס שטארק פערער-גערט. בעזונדערס שטארק האט דאס געטראפען די מיטעלע און קליינע אינדוסטריע צוליב פאלגענדע סבות:

רעכענדיג אויף א שטארקע נאכפראגע אויף קאמגארן אין דער איצטיגער צייט ווען דער זומער-סעזאן דארף זיין אין פולען ברען האבען די מיטעלע און קליינע אינדוסטריעלער אויסגעשטעלט זעהר א סך קורץ-טערמיניגע וועקסעל-פערפליכטונ-גען, וועלכע ווערען פעליג אין דעם חודש. צוליב דעם אבער וואס ביזאיצט ווערען נישט געמאכט קיין שום אומזאצען קענען זיי נישט בעקומען קיין מזומן, בכדי צו דעקען זייערע פערפליכטונגען און דאס וועט ברענגען זעהר אונאנגענעהמע קאנסעק-ווענצען און וועט פאטאל ווירקען אויף די האנ-דעלס בעציהונגען אין דער דאזיגער בראנזשע אויף דער נאהנטסטער צוקונפט.

פון האנדעלס-געריכט

רעגולאציע-אפמאך פון פירמע „ל. מארדיאנער" — בעשטעטיגט. — בריה פון „ברידער בוסקאוואדא" אפגעווארפען פון געריכט

אויף דער נעכטיגער זיצונג, האט דאס האנ-דעלס-געריכט בעשטעטיגט דעם רעגולאציע-אפמאך פון דער פירמע „ל. מארדיאנער" (מאניושקי 5) מיט די קרעדיטארען.

די פירמע רעגולירט אויף 15 פראצ. אויס-צאהלען אין ראטעס.

* * *

די ברידער בוסקאוואדא האבען זיך געווענ-דעט צום געריכט מיט א בריף, אין וועלכען עס ווערט געזאגט:

היות, ווי דאס געריכט האט דעם סינדיק גע-געבען פרייע הענט צו פערקויפען דעם אינווענטאר בעשטימענדיג דעם טערמין אויפן 10-טען מערץ, דאס אפעלאציע-געריכט האט דעם טערמין פראלאנ-גירט אויפ'ן 21-טען מערץ. אזוי ווי דעם 10-טען איז דער פערקויף נישט צושטאנד געקומען, בעט די פירמע צוריקצוהאלטען דאס פערקויפען דעם אינ-ווענטאר.

דאס געריכט האט די ביטע נישט בעטראכט, מחמת דאס ליגט נישט אין דער קאמפעטענץ פון געריכט, נאר פון געריכטס-קאמיסאר.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון האנדעלס-געריכט איז ליקווידירט געווארען דער אופאד-לאשטש פון לעאפאלד קוריש (קאכאנאווסקיע 19), מחמת ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, געפונט זיך דער געפאלענער צוזאמען מיט זיין פאמיליע אין א זעהר שלעכטער פינאנציעלער לאגע.

* * *

דאס געריכט האט אפגעזאגט די ביטע פון דער פירמע „ש. מאקובקא" צו פערלענגערן דעם גלייט, מחמת דער ענין געפונט זיך ביי דער פרא-קוראטור, און מ. איז בינו לבינו איינגעזעצט גע-ווארען אין ארעסט.

* * *

אויף דער זעלבער זיצונג, האט דאס געריכט פערעפענטליכט אנ'אופאדלאשטש דער פירמע „א. שפייזער" (נאוואמיעסקא 13).

אלס קוראטאר איז נאמינירט געווארען אדוו. האליצקי. געריכט-קאמיסאר – לודוויק קאראל. דער צייטוו. טערמין פון פערעפענטליכען דעם אופאד-לאשטש איז בעשטימט געווארען אויפן 15-טען מערץ ד. י.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופאדלאשטש פון משה לייב אפפעלד (קאפערניקא 55), האט דאס געריכט געגעבען א קירצען צוגאב-טערמין אויף אנצומעל-דען די פרעטענזיעס.

* * *

אלס סינדיק פון דער פירמע „מ. י. צווילינג" (פולגאצנא 1) איז נאמינירט געווארען אדוו זעלמאנאוויטש.

דער נייער קרייז-סטאראסטע

אלס נייער קרייז סטאראסטע, אויפ'ן ארט פונ'ם ה' אלעקסי רזשעוסקי, איז דעפיניטיוו נא-מינירט געווארען דער ה' מאקאווסקי, ביז-איצטי-ער לייטער פון דער זיכערקייטס-אפטיילונג אין ווארשא.

פערוועהרט ארייצופיהרען קיין פוילען א סך ארטיקלען

(אג) אין דזיענניק אוסטאוו פון 21 מערץ איז פערעפענטליכט געווארען א פערארדנונג פון מיניסטארען - ראט פון 11 מערץ 1933 לויט וועל-כער עס ווערט פערוועהרט ארייצופיהרען קיין פוי-לען א סך ארטיקלען אויפן יסוד פון פאראגראף 7 פון אוסטאוו פון 31 יולי 1924 וואס רעדט וועגען דער רעגולירונג פון די צאל-פארשריפטען.

פערמשפט אנ'אקושערקע

די 48-יאהריגע אקושערקע וויקטאריא שפרוך-קאפוסטא (סקלאדאווע 33) האט בשעתו אדורכגע-פיהרט א נישט-דערלויבטע אפעראציע איבער א שוואנגערע פרוי, וועלכע איז פון דער אפעראציע געשטארבען.

דערפאר האט זי נעכטען בעקומען א פסק פון 2 יאהר צו זיצען.

מחמת עס ווערט אפגעגעבען אנ'אפעלאציע, איז זי ארויסגעלאזט געווארען אויף דער פריי פאר א סומע פון 2,000 זלאטעס.

ס'ווילט אין לאדז דער וועלט - בעריהמטער רעליגיעז-פילאזאפישער רעדנער

הרב ר' צבי דאנציגער שליט"א

וועלכער האט שבת מיט זיין רעפעראט אין ווילקער שוהל בעגייסטערט דעם עולם און היינט זונטאג וועט ער פארזעצען דעם רעפעראט א. ד. ט.: „דער אמת'ער פראגרעס פון דער מענשהייט". לאדזער יודען, נוצט אויס די געלעגענהייט, קומט מאסענוויז אין ווילקער שוהל 6 אווענד.

טעאטער „סקאלא"
שרודמיעסקא 15

גאסטשפילען פון טעאטער
פעראייניגטע אקטיארן „פאקט"
מיטווירקונג:
אלעקס שטייף
זיגמונט טורקאוו

אין די הויפטראלען:
אברהם מארעווסקי
קלארא סעגאלאוויטש
געניא שליט
זיגמונט טורקאוו
אלעקס שטייף

היינט, זונטאג, 9 אווענט
די בעריהמטע פיעסע פון ט. יאנגנאל און א. נירנא
פארקויפטע נשמות!
רעזשי: מנחם רוביו.

מארגן, מאנטאג, 9 אווענט
פאפולערע פארשטעלונג
פרייזען פון 60 גר. ביז 2.20
דאקטאר לעווי
רעזשי: זיגמונט טורקאוו.

דאנערשטאג!
פייערליכע פרעמיערע
אלטער קאציזנע'ס קאמעדיע
אויב נישט קיין פערד
איז קריזיס
רעזשי: א. מארעווסקי
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

א נייער פלאן צו פערשטארקען דעם עקספארט פון טעקסטיל-סחורות

(אג) דער באנוועל-שפינער קארטעל אין לאדז האט אויסגעארבייט א נייע'ם פלאן, בכדי צו פערשטארקען דעם טעקסטיל-עקספארט. דער יסוד פון פלאן בעשטעהט אין דעם, אז עס זאל פערשטארקט ווערען דער עקספארט פון טעקסטיל סחורות און דערביי זאל די בעלאסטונג פון אינערליכען מארק, צוליב דעם פערשטארקטען עקספארט, נישט פערגרעסערט ווערען. די אויטארען פון פלאן זענען אין דער מיינונג, אז דער טעק-סטיל-עקספארט איז אין א גרויסער מאס אפהענגיג פון דעם ביליגען האלב-פאבריקאט – פון גארן און זיי שטרעבען דערצו, אז דער פרייז פון גארן, וואס איז בעשטימט אויף עקספארט-צוועקען זאל בעדייטענד פערקלענערט ווערען. דעם דאזיגען ציל וועלען זיי דערגרייכען דורך דער פערגרע-סערונג פון דער פראדוקציע פון גארן אין אזא מאס, וואס וואלט דערפיהרט צו א בעדיי-טענדע פערקלענערונג פון די אלגעמיינע קאסטען און וואלט אין רעזולטאט ערלויבט, איבערלאזענ-דיג די פרייזען פון אינערליכען מארק אויף דער איצטיגער הויך, צו דערגרייכען א בעדייטענדען סכום גארן אויף עקספארט-צוועקען צו א סך ניד-ריגערע פרייזען און דערמיט געהעריג פערגרע-סערט די עקספארט שאנסען, די פראדוקציע פון גארן דארף, לויט דעם דאזיגען פלאן פערגרעסערט ווערען פון 20 ביז 25 פראצענט.

מיט בעארבייטען דעם דאזיגען פראיעקט פערנעהמט זיך א ספעציעלע קאמיסיע, וואס איז געשאפען געווארען אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואלטונג פון באנוועל שפינער קארטעל. אויך נעכטען איז פארגעקומען א זיצונג פון דער דאזיגער קאמיסיע.

ארעסטירט 15 מיטגלידער

פון דער א.וו.פ.-פערוואלטונג אין קאליש און בלאשקי

(2) אין שייכות מיט די לעצטענס געשעהע-נע אוואנטורעס און עקסצעסען אויף די מערק און יארידען אין א רייה פוילישע שטעט און שטעטלעך, און ווי אויך אין צוזאמענהאנג מיט די בלוטיגע געשלעגען אין קאליש און בלאשקי (בעת וועלכע 18 יודען זענען שטארק צושעדיגט געווארען) האט פאליציי אונטערגענומען ענערגישע און ריקזיכטסלאזע שריט צו ליקווידירען די סיבה פון די געשעהענישען — די הויפט-אגיטאטארען פון א. וו. פ.

עס ווערען דורכזוכט ביי די א.וו.פ.-לייט, ביי די אנפיהרענדע, ביי די ראשי-המדברים, אדורגעפיהרט געניוע רעוויזיעס, מען קאנפיסקירט ביי זיי די העץ-בראשורעס, פראקלאמאציעס א. א. וו. און עס ווערען אויך אדורכגעפיהרט מאסען ארעסטען.

אזוי זענען אויך אין קאליש און בלאשקי איצט ארעסטירט געווארען 15 „קארפען-קעפ" פון צווישען די א.וו.פ.-אויפטוער.

א נייער רעיענט

אויפ'ן אָרט פון פערשטאָרבענעם רעיענט, ה' סטעפאַן יאַרושעמבסקי איז נאָמינירט געוואָרען דער רעיענט יוזעף מעלרענהאַוער, וועלכער האָט געעפענט זיין קאַנצעלאַריע אין דעם ביז־איצטיגען לאָקאַל אויף פּיעטרקאָווער 96.

צווייטע גרופע פון דער ארץ־ישראל־עקסקורסיע פון דער ציוניסטישע ארגאניזאציע

די צווייטע גרופּע פון דער ארץ־ישראל־עקסקורסיע, דורך דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָהרט אָפּ דעם 3־טען אַפּריל ה. י.

די ליסטע פון די עקסקורסאַנטען ווערט געשלאָסען היינט זונטאַג דעם 26־טען ה. ח. אַלע וועלכע ווילען פערברענגען דעם קומענדיגען פסח אין ארץ־ישראל, דאַרפען זיך היינט מעלדען אין ציוניסטישען ביוראָ.

יודישער שאפער צוקאליעטשעט א יודישע פרוי

